גליון

# באור החיים

פרשת נצבים - וילך - תשפ"ו לפ"ק | גליון תתצ"ו

יוצא לאור ע"י איחוד תלמידי וחסידי טאהש


הגליון בשבוע זו נתנדב לע"נ
הרב החסיד ר' **יעקב מאיר** בן ר' **יצחק דוב** ע"ה ניימאן
יארצייט ביום כ"ט אלול הבעל"ט
נתנדב על ידי משפחתו החשובה שיחי'
ובזכות זה יתברכו בכל מילי דמיטב, וימלא הקב"ה כל משאלות לבו לטובה אמן סלה

המדור הזה נתנדב ע"י מו"ה"ר **קלונימוס קלמן נתנאל הערשקאוויטש** הי"ו (מאנסי)
לרגל שמחת נישואי בתו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

## באור פני מלך

פניני עבודה על פרשת השבוע

### פרשת נצבים

## צריך לקשר פנימיות התורה לחלק החיצוניות שבה.

הנסתרות לה' אלקינו והנגלות וגו' לעשות את כל דברי התורה הזאת.

דקדקו המפרשים, מהו לעשות את כל דברי התורה, וכי האדם עושה את התורה, הלא התורה קביעא וקיימא בקדושתה. ופירשו הכוונה בזה, שהאדם צריך לחבר את חלק הנגלות שבתורה אל הנסתרות שבה, דהיינו לחבר הלבוש אל האור, ובזה נקרא עושה את התורה, שמביא את התורה כביכול לשלימותה, וזה הנסתרות וגו' והנגלות וגו', לעשות את כל דברי התורה הזאת, שכאשר מחבר הנגלות אל הנסתרות, עושה כביכול את התורה הזאת, 'זאת' רומז לשכינה הק' כידוע, והיינו שמחבר דברי התורה אל אור השכינה השורה בה.

ועל זה אמר הכתוב אחר כן 'כי המצוה הזאת וגו' לא נפלאת היא ממך ולא רחוקה היא וגו' כי קרוב אליך הדבר מאוד בפיך ובלבבך לעשותו', שצריך לעסוק בתורה בפיך, וגם בלבבך, שיהא מקושר עם בחינת הלב, הוא חלק הסוד שבתורה, ובזה לעשותו, עושה את התורה, ועל ידי זה קרוב אליך הדבר מאוד, ולא רחוקה היא, אבל אם אתה עוסק בתורה בלי חלק הפנימי שבה, הרי זה כלבוש בלי אור, והתורה רחוקה ממנו, כי אינו נוגע אל תכליתה.

(עבו"ע פתג"ק דברים)

### פרשת וילך

## הכנה נכונה ליום הדין להוסיף לסדרו הרגיל

חזקו ואמצו אל תיראו ואל תערצו מפניהם.

רצה לומר, דאף אם בכל השנה האדם לא קיים מצות ה' רק כפי טבעו ומזגו, ורק כפי מה שעלה לו בניקל, יש לו ליקח התעוררות מענין הפרשה הזאת, להתאמץ בימים הללו לצאת מגדרו וסדר טבעו, ולקבל עליו למסור נפשו אל ה'.

ואפשר לפרש בפסוק, חזקו ואמצו אל תיראו ואל תערצו מפניהם, שענין אומץ וחיזוק פירושו, להתחזק יותר מכחותיו, וזה מורה לנו דרך ה' לימים הללו, שהאדם צריך להתחזק בעבודתו, לדלג על סדר העולם, ולצאת מגדרי טבע הגוף, כי כאשר האדם צריך לעמוד למשפט לפני מלך בשר ודם, יתאמץ למעלה מכוחותיו, ויעשה כל מיני פעולות כדי להציל את נפשו, כל שכן כאשר עומד לתת דין וחשבון לפני מלך המשפט, מלך מלכי המלכים הקב"ה, שצריך להכין את נפשו אל קדושת היום למעלה מכחותיו.

ואז יתקיים בנו מה שנאמר אחר כך, כי ה' אלקיך הוא ההולך עמך לא ירפך ולא יעזבך, היינו בעמדך בדין ביום הקדוש, ה' אלקיך הוא ההולך עמך, לעמוד לעזרתך ולחתום אותך בספר החיים, לא ירפך ולא יעזבך, כי הקב"ה עצמו מלמד זכות על בני ישראל, ומוחק את עונותיהם.

(עבודת עבודה פתג"ק וילך)

# שביבי אש

קורצע טרעפליכע טייטשן מתורתו
של כ"ק מרן רבינו הקדוש זיעוכ"י

**הנשמה לך והגוף שלך, רבוש"ע, די נשמה איז זיכער דא פאר דיר, איך בעט דיר נאר אז די גוף זאל אויך זיין פאר דיר.**

(שפת"ק תבוא ב')

# דער הייליגער רבי זאגט

ילקוט אמרים מכ"ק רביה"ק זי"ע מלוקט מספרי דבי רב - באידיש

המדור הזה נתנדב לע"נ הבחור החשוב **דוד** ע"ה בן ר' **שמואל** הי"ו לינדער
תלמיד ישיבתינו הק' - יארצייט כ"ד אלול
ובזכות זה יתברך הנדבן שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

## די תכלית פונעם טאג ראש השנה איז אז מען זאל זיך איגאנצן מבטל זיין פאר'ן אייבערשטן

**אתם נצבים היום כולכם לפני ה' אלקיכם ראשיכם שבטיכם וגו', מחוטב עציך עד שואב מימיך.**

די מפרשים זענען מדייק אויף די ווארט 'כולכם', וואס איז לכאורה איבריג, ווייל ער רעכנט דאך אלעס אויס ראשיכם שבטיכם זקניכם וכו'. אויך שטעלן זיך חז"ל אויפ'ן לשון 'נצבים' און 'היום' וואס זענען לכאורה איבריג.

נאר מען קען מרמז זיין, אז די תוה"ק קומט אונז מעורר זיין אויפ'ן זמן ווי אונז שטיי מיר יעצט, פאר'ן יום הדין ראש השנה, וואס דער עיקר עבודה אין ראש השנה איז צו אויפהייבן די מלכות שמים, אזוי ווי עס איז ידוע פון אר"י הק', אז אין ראש השנה ווערט געבויעט די מלכות מחדש, אזוי ווי מ'זאגט ונתנה תוקף קדושת היום כי הוא נורא ואיום, און וואס איז די שטארקייט און קדושה פונעם טאג, ובו תנשא מלכותך, אז אין דעם טאג ווערט נתרומם מלכותו יתברך. און פאררעדם דערמאנט מען ביי אלע תפלות, המלך הקדוש, המלך המשפט, בא"י מלך על כל הארץ, ווייל דאס איז דער עבודה אין די טעג צו אויפהייבן די מדת המלכות.

און דער ענין פון קבלות עול מלכות שמים, איז מבואר אין ספה"ק אוהב ישראל פרשה, לויט ווי עס איז ידוע פון ספרי' קודש, אז די בריאת העולמות איז געווען, דורכדעם וואס עס איז עולה געווען אין רצון פונעם אייבערשטן כביכול צו זאגן אנא אמלוך, און וויבאלד עס איז אין מלך בלא עם, האט דער אייבערשטער מאציל געווען און באשאפן די עולמות, און ער האט משלשל געווען און מצמצם געווען זיין אור אין די בריאים גשמיים, כדי דורך דעם זאל נתגלה ווערן כבוד מלכותו יתברך, און אזוי ווי ביי א מלך בשר ודם איז נישט שייך צו ווערן אנגערופן קיין מלך נאר אויב ער איז מושל אויף זיין פאלק, דאס מיינט אז זיי זענען בטל צו אים בביטול גמור, און ווען דער מלך הייסט עפעס זענען אלע מקבל זיין באפעל, אפי' זיי ווילן נישט, זענען זיי מבטל זייער רצון כדי מקיים צו זיין די רצון המלך, אזוי אויך באלפי אלפים הבדלות, ווען עס איז עולה געווען ברצונו יתברך כביכול צו זאגן אנא אמלוך, איז זיין רצון מיט דעם געווען אז די גאנצע בריאה זאל זיך מבטל זיין צו אים בביטול גמור, און דער אייבערשטער האט אויסגעוועלט די אידישע קינדער לעם סגולתו, אז דורך זיי זאל נתגלה ווערן כבוד מלכותו, דורך דעם וואס זיי וועלן מבטל זיין זייער גאנצע רצון און תשוקה צו מקיים זיין די מצות ה', און זיי זאלן נישט האבן קיין שום רצון עצמי נאר די רצון ה'.

און דאס איז די ענין פון קבלת עול מלכות שמים וואס דער מענטש דארף מחדש זיין אויף זיך ביום ראש השנה, אז ער זאל מקבל זיין אויף זיך צו מבטל זיין זיינע אלע כחות און חושים פאר דער רצון ה', ער זאל נישט גליסטן צו קיין שום אנדערע זאך אויף דער וועלט, נאר צו מקיים זיין דעם רצון ה'.

און מיט דעם קען מען מבאר זיין דעם פסוק, 'אתם נצבים היום כולכם לפני ה' אלקיכם' וואס כידוע איז דער ווארט 'היום' מרומז אויף ראש השנה, אזוי ווי עס שטייט אין זוה"ק אויפ'ן פסוק 'ויהי היום ויבואו בני האלקים להתייצב, היום דא יומא דראש השנה', און מיט דעם קען מען מרמז זיין אתם 'נצבים', וויאזוי קען מען האבן א מצב און תקומה אין טאג פון ראש השנה, זאגט דער פסוק 'כולכם לפני ה' אלקיכם', דאס מיינט מען זאל זיך אינגאנצן מבטל זיין פאר'ן אייבערשטן, און נישט האבן קיין שום רצון עצמי, און דורך דעם קען מען האבן א מצב און תקומה אין טאג פון ראש השנה, ווייל דאס איז דער עיקר עבודה אין ראש השנה, אז מען זאל זיך אינגאנצן מבטל זיין פאר'ן מלכות שמים, און אויב א מענטש איז נישט מקבל די מלכות שמים אין ראש השנה, אפי' ער איז מקיים אלע מצות היום און ער איז מתפלל אלע תפלות פון ראש השנה, אפי' אזוי האט ער נאכנישט אויפגעטון די תכלית עבודת היום, ווייל דער עיקר תכלית פון אלע מצות און אלע תפלות פונעם טאג איז, אז דורך דעם זאל נתחדש ווערן די מלוכה פונעם אייבערשטן, און א מענטש זאל מקבל זיין אויף זיך עול מלכות שמים מחדש.

(עבודת עבודה דב"ק)

# א ווארט צום שבת טיש

געקליבענע תורות און מעשיות נאכצוזאגן ביים שבת טיש

המדור הזה נתנדב ע"י הרה"ג ר' **מרדכי לייפער** שליט"א (מאנסי)
לרגל שמחת הכנסת נכדו לעוהחו"מ למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב נחת ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

## א תורה אויף די פרשה

### נצבים

**ומל ה' אלוקיך וגו' ואת לבב זרעך.**

לכאורה דארף מען פארשטיין, די תורה רעדט דאך צו יעדן איד, און פארוואס דארף שטיין 'ואת לבב זרעך', דער לבבך גייט דאך ארויף אויף צו די קינדער?.

נאר וואס דען, אויב מען טוט תשובה איז מען זוכה אז אויך די קינדער זאלן זיין גוטע, און זאלן נישט האבן קיין ערלת לב, אויב עס איז 'ומל ה' אלקיך את לבבך', איז ממילא 'ואת לבב זרעך'.

(שפת אמת)

**פן יש בכם שורש פורה ראש ולענה.**

די ראשי תיבות פון ש'ורה פ'ורה ר'אש ו'לענה, איז 'שופר'. דאס טוט ווייזן אז די תקיעות מיטן שופר וואס זענען מעורר צו תשובה, זענען בכח אויסצווארצלן פון הארץ די שלעכטע שרשים וואס זענען 'פורה ראש ולענה'.

(ספרים הקדושים)

### וילך

**וילך משה וידבר את הדברים האלה אל כל בני ישראל.**

מ'קען מרמז זיין די כוונה פארוואס עס שטייט נישט דא וואו משה רבינו איז געגאנגען, וויבאלד משה רבינו איז אריינגעגאנגען אין די פנימיות פון יעדן איד, און אין אלע צייטן איז פארהאן א ניצוץ פון משה רבינו, דער 'וילך משה' גייט ארויף אויפ'ן סוף פסוק 'אל כל עדת בני ישראל'.

דאס איז אויך דער טעם אויף דעם וואס די תורה זאגט 'ולא ידע איש את קבורתו', ווייל משה רבינו איז באהאלטן אין הארץ פון יעדן איד.

(ספרים הקדושים)

**ואמר ביום ההוא על כי אין אלקי בקרבי מצאוני הרעות האלה.**

יעדע איד דארף גלייבן אז דער אייבישטער רוהט אין אים, און אז ער איז מיט אים בעת צרה. און אויב די אמונה פונעם מענטש ווערט אפגעשוואכט, הייבט ער אן צווייפלען און טראכטן אז 'אין אלקי בקרבי', אז השי"ת איז נישט אין אים, דאן געשעהט 'מצאוני הרעות האלה' דעמאלטס טרעפן אים חלילה די צרות.

(הרה"ק רבי שמחה בונם מפרשיסחא זי"ע)

**והיה כי תמצאן אותו רעות רבות וצרות.**

דער הייליגער רבי ר' מענדל'ע מ'רימנוב זי"ע האט אמאל ממליץ טוב געווען אויף די אידן, זאגענדיג 'רבוש"ע אזוי ווי צופיל זאלץ מאכט קאליע דאס פלייש, אז מען קען דאס שוין נישט עסן, אזוי אויך צופיל יסורים ווערן נישט דערגרייכן דעם ציל אונז בעסער צו מאכן, פארקערט, זיי מאכן גאר ערגער, דעריבער רבונו של עולם, זאלן נישט צופיל'.

(הרה"ק רבי מנחם מענדל מרימנוב זי"ע)

## א מעשה אויף די פרשה

### נצבים

**הנסתרות לה' אלוקינו והנגלות לנו ולבנינו עד עולם.**

דער הייליגער רבי נח לעכאוויטשער זי"ע האט אמאל אלס אינגל געפרעגט זיין טאטע רבי מרדכי זי"ע, אז אויב די אמת'ע צדיקי הדור באשטייען פון ל"ו צדיקים, קומט דאך אויס לויט דעם אז די באקאנטע צדיקים געהערן נישט צו די באהאלטענע ל"ו צדיקים?

האט אים זיין טאטע געענפערט, אוודאי אז נישט, אפגעהיטן זאלן מיר ווערן, אויב די באקאנטע צדיקים זאלן זיך אזוי אויפפירן בנגלה, ווי זיי פירן זיך אויף בסתר, וועט קיינער זעהן נישט...

*

**ושב וקבצך מכל העמים.**

עס ווערט דערציילט, אז ווען דער הייליגער קדושת לוי זי"ע האט געשריבן תנאים מיט זיין אייניקל, האט ער געהייסן אריינשרייבן אין די תנאים: 'החתונה יהי' אי"ה למזל טוב בירושלים עיר הקודש, ובאם חלילה משיח צדקנו לא יבא בזאת השנה, תהי' החתונה בבארדישטוב'.

*

א געוויסער מיניסטער, א שונא ישראל האט אמאל געפרעגט פונעם הייליגן רבי יהונתן אייבשיץ זי"ע, 'עס שטייט דאך אז משיח וועט קומען צו רייטן אויף אן אייזל, און אויך אייערע עלטערן האבן געריטן אויף אייזלען, דעמאלטס פארוואס פארן אייערע היינטיגע אידן מיט פערדן?

האט אים דער הייליגער רבי יהונתן געענטפערט, 'מיר האבן נעבעך נישט קיין ברירה, וואס זאלן מיר טוען אז אלע אייזלען זענען געווארן מיניסטארן'...

*

### וילך

**ואנכי הסתר אסתיר פני.**

דער הייליגער מעזריטשער מגיד זי"ע איז אמאל געגאנגען אויפ'ן גאס שפאצירן מיט זיינע תלמידים, ווען אינמיטן האבן זיי באמערקט ווי א קינד וויינט, זייענדיג אונטער א וואנט פון א הויז. איז דער מעזריטשער מגיד צוגעגאנגען צום קינד, און איס געפרעגט פארוואס ער וויינט. האט זיך דאס קינד אנגערופן, איך שפיל מיט מיין חבר, און ער קומט מיר נישט אויפזוכן.

האט זיך דער מעזריטשער מגיד זי"ע אנגערופן צו זיינע תלמידים 'דאס זאגט די שכינה הק', ואנכי הסתר אסתיר פני, און קיינער קומט מיר נישט זוכן'...

*

**הן קרבו ימיך למות קרא את יהושע והתיצבו באהל מועד ואצונו.**

דער הייליגער רבי ישראל סאלאנטער זי"ע האט פאר זיין פטירה געלאזט רופן צו זיך אלע בעלי בתים, און מיט עטליכע ווערטער זיך געזעגנט, צווישן זיי איז אויך געווען אן אפיקורס, וועלכער רבי ישראל האט לענגער ווי אלע אנדערע בעלי בתים זיך געזעגנט און פארברענגט. פאר די מקורבים האט דאס אביסל פארדראסן, און זיי האבן אויסגעדריקט זייער פארוואונדערונג פארוואס רבי ישראל געבט זיך אפ מיט דעם אפיקורס מער ווי מיט די ערליכע בעלי בתים.

רבי ישראל האט נישט געלאזט זייער פארוואונדערונג לאנג אנהאלטן, און האט זיי ערקלערט, מיט אייך האב איך אי"ה א האפענונג זיך צו זעהן נאך די הונדערט און צוואנציג יאר אין גן עדן, אבער מיט יענעם דארף איך זיך לענגער געזעגענען ווי מיט אייך, ווייל ווער ווייסט צו איך וועל איס נאך אמאל זעהן בכלל...

*

**הקהל את העם האנשים והנשים והטף. בגמ' במסכת חגיגה דף ג': אם אנשים באים ללמוד נשים באות לשמוע, טף למה באין, כדי ליתן שכר למביאיהם.**

אין גמרא ווערט דערציילט, אז ווען רבי יהושע האט געהערט דעם אויבנדערמאנטן מאמר 'כדי ליתן שכר למביאיהם', האט ער אויסגערופן 'מרגליות טובה היתה בידכם ובקשתם לאבדה ממני' (איר האט אין אייערע הענט געהאט א טייערן פערל און איר האט עס געוואלט מאכן פארלירן פון מיר). פארוואס האט רבי יהושע אנגערופן דעם מאמר 'מרגליות טובה', און אזוי שטארק נתפעל געווארן דערפון?

נאר אין ירושלמי (מסכת יבמות פ"א) ווערט דערציילט אז די מאמע פון רבי יהושע האט

המשך בע' ה

# ביאור הלכה

הלכות וביאורים מתוך ספרי בית נאמן בישראל
אשר עדיין לא ראו אור הדפוס
מאת הגאון הגדול דומ"ץ קריתינו הק' שליט"א

# מעות מעשר

## השייכים לימי הרחמים והסליחות

### אריינפיר

אזוי ווי מיר שטייען נאנט צו ימי הרחמים והרצון, וואס אין די טעג מאכן זיך פארשידענע שאלות צי מען מעג נוצן מעשר געלט פאר צרכי החג, דעריבער האבן מיר בעזהי"ת געשריבן אין דעם מאמר די הלכות וואס זענען נוגע צו די ימי הרחמים והסליחות, און צו די הייליגע טעג.

**באמערקונג**

עס איז כדי מקדים צו זיין, אז איינער וואס האט נישט גענוג אייגן געלט, און ער וויל נוצן זיין מעשר געלט פאר צרכי מצוה, קען עס טון נאר מיט די תנאים:

1. מען זאל זיך לכתחלה אויסנעמען ווען מען הייבט אן מפריש צו זיין מעשר, אז מ'וועט מפריש זיין מעות מעשר אויך פאר צרכי מצוה.
2. אז פארן קויפן די דבר מצוה זאל מען טראכטן אז מען וועט דאס באצאלן מיט מעות מעשר, אבער אויב בשעת'ן קויפן האט מען געטראכט צו באצאלן פון די אייגענע געלט, קען מען זיך נישט נאכדעם בארעכנען אז מען וויל דאס באצאלן מיט מעות מעשר.
3. מען קען טון מיט די מעות מעשר נאר אזעלכע מצוות וואס עס איז נישט קיין חיוב, ווייל א מצוה וואס עס איז א חיוב צו מאכן, קען מען נישט באצאלן מיט מעות מעשר.
4. מען זאל נישט אויסגעבן די גאנצע מעות מעשר וואס מען האט נאר פאר מצוות, נאר מען דארף געבן א טייל פון די מעות מעשר פאר ארימעלייט.

אין די קומענדיגע סעיפים האבן מיר געשריבן אזעלכע זאכן וואס זענען נוגע נאר צי די וואס פירן זיך צו נוצן זייער מעות מעשר אויך פאר צרכי מצוה, אבער די וואס זענען מקפיד צו געבן זייער מעות מעשר נאר פאר ארימעלייט, האבן נישט קיין היתר צו נוצן די מעות מעשר פאר קיין שום צרכי מצוה.

### א

### בדיקת מזוזות

**שאלה:** מעג מען נוצן מעות מעשר כדי בודק צו זיין מזוזות אין חודש אלול?

**תשובה:** אויב מען וויל געבן בודק צו זיין נייע מזוזות, אדער אפילו מזוזות וואס מען האט שוין בודק געווען, נאר מען דארף עס על פי הלכה נאכאמאל בודק זיין, אזוי ווי די הלכה איז אז עס איז א חיוב בודק צו זיין די מזוזות צוויי מאל אין זיבן יאר, א זעלכע מזוזות קען מען נישט בודק זיין מיט מעשר געלט, וויבאלד דאס איז א חיוב בודק צו זיין.

אבער די וואס פירן זיך בודק צו זיין די מזוזות יעדע חודש אלול (מטה אפרים סימן תקפ"א ס"א), אזעלכע מזוזות מעג מען בודק זיין פון מעות מעשר, וויבאלד עס איז נישט קיין חיוב, נאר א מצוה.

1. עס ווערט דערציילט אז הגאון רבי יוסף חיים זאנענפעלד זצ"ל האט מתיר געווען צו נעמען געלט פון די קאסע פון די בית היתומים דיסקין, כדי מען זאל בודק זיין די מזוזות פון שטאט, און אויף די פראגע וויאזוי מעג מען נוצן געלט פון יתומים פאר א אנדערע מצוה, האט ער געענטפערט אזוי ווי כשר'ע מזוזות איז א סגולה פאר אריכות ימים, קומט אויס אז ווען מען נוצט די געלט פאר בודק זיין די מזוזות, און מען האט כשר'ע מזוזות, ברענגט עס אז עס וועט זיין ווייניגער יתומים, און דאס איז א גרויסע הכנסה פאר די בית היתומים, אז עס וועט נישט צו קומען יתומים.

### ב

### פארן צו א רבי'ן

**שאלה:** איינער וואס נוצט מעשר געלט פאר צרכי מצוה, און ער איז נישט פארמעגליך, מעג נוצן מעות מעשר פאר די הוצאות צו פארן צו זיין רבי', אדער צו א צדיק אמת, אויף סליחות, אדער אויף די הייליגע טעג?

אויב די כוונה איז נתעורר צו ווערן צו עבודת ה', מעג מען דאס טון (שו"ת ערוגת הבושם סימן ל"ד סי' ר"כ), אבער אויב די כוונה איז כדי זיך אויס צו ליפטערן, אדער זיך צו טרעפן מיט חברים, אדער אנדערע אייגענע אינטערעסן, איז נישטא קיין היתר (שו"ת נטע שורק יו"ד סימן צ"ד).

עס איז דא ווער עס שרייבט, אז מען זאל נישט נוצן די גאנצע מעות מעשר כדי צו פארן צו א רבי, נאר א טייל געלט זאל מען געבן פאר ארימעלייט (שו"ת שרגא המאיר ח"ח סימן צ"ה).

2. הגה"צ פאיע רב זצ"ל האט דערציילט אז זיין זיידע האט געפרעגט שינאווא רב זי"ע אויב ער מעג באצאלן פון מעות מעשר כדי צו פארן צו א צדיק, האט אים שינאווא רב געפרעגט פון וועלכע צדיק איז דער מדובר, האט אים די זיידע געענטפערט, צום רבי'ן [ד.מ. הרה"ק משינאווא], האט ער אין געענטפערט דו קענסט עס באצאלן פון מעות מעשר, אבער נאר פאר די הוצאה פון די נסיעה, אבער נישט פאר די משקה וואס מען פלעגט צו געבן ביים טיש.

### ג

### א קוויטל מיט א פדיון

**שאלה:** מעג מען געבן א קוויטל מיט א פדיון פאר א צדיק פון מעות מעשר?

**תשובה:** מען מעג געבן א פדיון מיט א קוויטל פאר א צדיק, פון מעות מעשר, וויבאלד מען איז מקיים מיט דעם א מצוה פון שטיצן א צדיק (שו"ת נטע שורק יו"ד סימן צ"ד ד"ה ואף).

### ד

### דינגען א זיץ אין שול

**שאלה:** מעג מען דינגען א זיץ אין שול, אדער ווייבער שול, מיט געלט פון מעות מעשר?

**תשובה:** דער וואס פירט זיך צו נוצן זיין מעשר געלט אויך פאר אנדערע צרכי מצוה, מעג קויפן, אדער דינגען א פלאץ צו זיצן אין שול מיט מעשר געלט, בתנאי אז מען קען האבן א פלאץ אין שול אפילו אויב מען דינגט נישט א פלאץ, נאר מען

ווייל א בעסערע פלאץ כדי מ'זאל קענען בעסער דאווענען, אבער אויב מען קען נישט האבן א פלאץ ווי צו דאווענען, נאר אויב מען דינגט א פלאץ, טאר מען דאס נישט באצאלן מיט מעשר געלט, ווייל עס איז א חיוב צו דאווענען אין א שול מיט מנין (שו"ת מנחת יצחק ח"ח סימן פ"ג).

**באמערקונג**

אויב מען קען דינגען א ביליגע פלאץ, און מען וויל דינגען א טייערערע פלאץ, כדי מען זאל קענען בעסער דאווענען, למשל מען קען דארט בעסער הערן דעם בעל תפלה, אדער ווייל דארט האט מען פלאץ אויך פאר די קינדער א.ד.ג., קען מען געבן דאס וואס קאסט מער, פון מעשר געלט (שו"ת שקגא המאיר ח"ח סימן נ"ג אות ב').

## דינגען פאר זיין ווייב א זיץ אין ווייבער שול

פאר זיין ווייב מעג מען דינגען א זיץ אין ווייבער שול פון מעות מעשר אין יעדנספאל, וויבאלד א פרוי האט נישט קיין חיוב צו דאווענען אין שול.

## ה
## קויפן א עליה

**שאלה:** מעג מען קויפן א עליה לתורה, אדער הגבה גלילה, הוצאה והכנסה מיט מעות מעשר?

**תשובה:** ווער עס פירט זיך צו טוהן מיט די מעות מעשר אויך א דבר מצוה, מעג קויפן א עליה א.ד.ג. סיי פאר זיך, און סיי פאר אנדערע, בתנאי מען האט אינזין בשעת'ן קויפן די עליה, אז מען וועט דאס באצאלן מיט מעות מעשר, אבער אויב מען האט נישט אינזין געהאט בשעת'ן קויפן, קען מען דאס נישט שפעטער באצאלן פון מעות מעשר.

עס זענען דא וואס האלטן, אז אפילו ווען מען האט יא אינזין בשעת'ן קויפן די עליה, פונדעסטוועגן קען מען באצאלן מיט מעות מעשר נאר וויפיל מען האט צוגעזאגט מער ווי דער חבר, למשל: אויב דער חבר האט געוואלט קויפן די עליה פאר 100 דאלער, און ער האט דאס אפגעקויפט פאר 150 דאלער, קען ער נעמען פון מעות מעשר נאר 50 דאלער, ווייל די אנדערע 100 דאלער ווערט נישט באטראכט פאר א מצוה, וויבאלד דער חבר האט דאס סיי ווי געוואלט קויפן פאר די פרייז פון 100, און די פוסקים שרייבן אז עס איז ראוי מחמיר צו זיין (של"ה, הובא בחי' רעק"א יו"ד סימן רמ"ט, שו"ת כתב סופר יו"ד סימן קי"ב).

## ו
## נדרים ונדבות

**שאלה:** מעג מען מנדב זיין [שנאדערן] ביי "מי שבירך" א סכום געלט, און דאס באצאלן מיט מעות מעשר?

**תשובה:** די וואס נוצן די מעשר געלט אויך פאר אנדערע מצות, מעגן מנדב זיין [שנאדערן] פון מעשר געלט ביי "מי שבירך" נאכן עולה זיין צו די תורה, בתנאי אז מען האט אינזין בשעת'ן שנאדערן אז מען וועט דאס באצאלן מיט מעות מעשר (שו"ת אפרקסתא דעניא סוסי' פ"ח).

## ז
## ישיבת בין הזמנים

**שאלה:** מעג א טאטע באצאלן פאר ישיבת בין הזמנים מיט מעות מעשר, כדי זיינע קינדער זאלן דארט קענען לערנען?

**תשובה:** אזוי ווי די הנהלה פון ישיבת בין הזמנים, זענען נישט מחייב די עלטערן אז זיי מוזן באצאלן, איבער דעם אויב עס איז אים שווער צו באצאלן פון די אייגענע געלט מעג מען געבן פון מעות מעשר.

## ח
## בעל תפלה - חזן

**שאלה:** מעג מען באצאלן פאר א חזן פון מעות מעשר?

ט. מען קען נישט באצאלן פאר א בעל תפלה - חזן, אדער א שמש, פון מעות מעשר, וויבאלד עס א חיוב זיי צו באצאלן (שו"ת בית דינו של שלמה (יו"ד סימן א').

## ט
## סליחות - ומחזורים

**שאלה:** מעג מען קויפן סליחות אדער מחזורים פון מעות מעשר, כדי מען זאל קענען מתפלל זיין אין דעם אין די הייליגע טעג?

עס איז א קלער אין די פוסקים צי מען מעג קויפן ספרים מיט געלט פון מעות מעשר, דעריבער איז אנגענומען אז מען קויפט נישט ספרים פון מעות מעשר, אויסער מיט געוויסע תנאים, וואס עס איז שווער מקיים צו זיין ביי סליחות און מחזורים. דעריבער איז בעסער זיך מונע זיין דערפון (זעה ספר בית נאמן בישראל "הלכות מעות מעשר" (פרק י').

## י
## שופר

**שאלה:** מעג מען קויפן א שופר, כדי צו בלאזן חודש אלול אדער ראש השנה?

**תשובה:** איינער וואס האט נישט קיין שופר צו בלאזן ראש השנה, און ער האט נישט פון וועם צו הערן בלאזן, למשל א חולה, טאר נישט קויפן א שופר כדי צו בלאזן דערמיט די תקיעות מיט מעות מעשר, וויבאלד הערן תקיעת שופר איז א חיוב (ערוך השלחן יו"ד סימן רמ"ט ס"י).

אבער איינער וואס האט ווי צו הערן תקיעות שופר, נאר ער וויל מהדר זיין איבער צו בלאזן אליין, יוצא צו זיין מער דיעות, אדער ער וויל זיך אויס לערענען צו בלאזן, מעג קויפן א שופר מיט מעות מעשר מעיקר הדין, אבער עס האט די זעלבע הלכות ווי צו קויפן ספרים מיט מעות מעשר, וואס עס איז בעסער אז מען איז זיך מונע דערפון, אזוי ווי פריער דערמאנט ביי מחזורים.

אבער מען מעג קויפן א שופר פון מעות מעשר און דאס מנדב זיין פאר א בית המדרש.

## א כתיבה וחתימה טובה

המשך מע' ג

ארייגנגעשטעלט רבי יהושע אין ביהמ"ד מיט זיין וויגל זייענדיג א קליין קינד, כדי זיינע אויערן זאלן איינזאפן אין זיך דברי תורה. דעריבער איז דער מאמר, אז 'ברענגען קליינע קינדער אין בית המדרש צו הערן דברי תורה איז א מצוה וואס מען גיבט דערפאר שכר', געווען גאר חשוב ווי א טייער פערל שטיין, ווייל זיין מאמע האט דאך געטוען אזוי מיט אים זייענדיג א קינד.

# באור הילולא

תולדות וסיפורים מצדיקים שיודה"ל חל בשבוע הבעל"ט

## הרה"ק השר שלום מבעלזא זיעועכ"י

*דעם קומענדיגן מיטוואך ד' סליחות, כ"ז אלול געפאלט אויס די יודהל"ק פונעם הייליגן שר שלום פון בעלזא, הרה"ק רבי שלום בן הרה"ק רבי אלעזר רוקח זצוקלל"ה.*

### תולדותיו:

דער שר שלום איז געבוירן געווארן צו זיינע עלטערן, הרה"ק רבי אלעזר וזוג' הצדיקת מרת רבקה העני' ע"ה אינעם טאג פון ו' שבט תקמ"ג, וואס דאן איז געבוירן געווארן דער גרויסע אור, דער ראש שושלת הצדיקים לבית בעלזא.

### ימי נעוריו:

ווען דער שר שלום איז נאך געווען א גאר קליין קינד, האט זיך שוין אנגעזען אויף אים גאר א גרויסע קדושה וטהרה, ווי מען האט געקענט זעהן אויפ'ן פנים אז דא וואקסט אונטער א צדיק וקדוש וכליל המעלות.

נאך די פטירה פון זיין הייליגע טאטע, נאך זייענדיג א יונג קינד האט אים זיין פעטער, הרה"צ רבי ישכר בער אב"ד סקאהל זצ"ל אריינגענומען ביי זיך אינדערהיים אים מגדל צו זיין בתורה ויראה, אונטער א תורה'דיגע אטמאספערע אכטונג געבנדיג אויפ'ן יונגן שלום'ל ווי אויפ'ן שווארץ אפל פון אויג, ער זאל אויסוואקסן לשם ולתפארת.

### נישואיו:

נאך עטליכע חדשים זיך אויפהאלטן ביים פעטער, האט דער פעטער אים א חתן געמאכט מיט זיין געלונגענע טאכטער הצדיקת המפורסמת בת קדושים מרת מלכה ע"ה, און דעמאלטס האט זיך אנגעהויבן אויפשטעלן די שיינע הויז פונעם הייליגן שר שלום זי"ע.

### רבותיו:

דער שר שלום פון בעלזא האט זיך מסתופף געווען בצל הצדיקים, בעל דברת שלמה מסוקהל-לוצק זי"ע, הרבי מלובלין זי"ע, המגיד מקאזניץ זי"ע, אוהב ישראל מאפטא זי"ע, השרף מסטרעליסק זי"ע, ועוד, ווי פון דארט האט ער געשעפט הויפענעס קדושה וטהרה האבנדיג א אויסגעטרעטענעם וועג צו דינען דעם אויבערשטן למעלה מהשגתינו בדרכי אבותיו ורבותיו.

### ובקרב קדושים:

אין קורצן וועלן מיר אראפברענגען עטליכע פונקטן פון די מורא'דיגע התדבקות וואס דער שר שלום האט געהאט מיט די דערמאנטע צדיקים:

### בשפתי צדיקים:

צדיקי הדור העריצו ללא גבול את הרה"ק רבי שלום מבעלזא זי"ע והתבטאו בהתפעלות על גודל קדושתו.

**הרה"ק רבי ישראל מרוזין זי"ע** הגדירו בתור "בעל הבית של העולם", בהוסיפו כי "העולם ניתן בידיו לעשות בו כרצונו".

**הרה"ק בעל בני יששכר זי"ע** מכנה אותו באיגרתו אליו, "שר העליונים והתחתונים".

**הרה"ק מהרי"א מזידיטשוב זי"ע** הביע הערכתו באמרו "בבעלזא למדנו שאפשר להיות רבי, גם אם לא לובשים בגדי לבן" (לאחר שהשר שלום לא נהג ללבוש לבנים, כמנהגם של הצדיקים האחרים בדורו, ואומרים שהיה הראשון שלא לבש לבנים).

כשנשאל תלמידו **הרה"ק רבי דוד זלאטיס זצ"ל** ע"י **הרה"ק רבי מאיר מפרעמישלאן זי"ע**, מה שלמד בבעלזא, נענה, "למדתי ממנו מדת לב טוב, כי היה נוח לבריות מאד"...

**זי"ע ועכי"א**

### הרבי מלובלין זי"ע

רביה"ק זי"ע דערציילט אין עבו"ע (שיח"ק ח"ג עמוד תנ"ט) אז ווען דער שר שלום איז געקומען צום רבי'ן פון לובלין אלס יונגערמאן, האט אים דער רבי פון לובלין אויסגעלערנט וויאזוי צו ליינען קוויטלעך פון אידן, און וויאזוי צו דערקענען אינעם קוויטל די שורש נשמה פון מענטש, און וויפיל גלגולים די נשמה איז שוין געווען בעלמא הדין, און ועל כולם וויאזוי זיי צו מתקן זיין.

### המגיד מקאזניץ זי"ע

רביה"ק זי"ע דערציילט אין עבו"ע (שיח"ק ח"ג עמוד תנ"ט) אז די ערשטע מאל ווען דער שר שלום איז געקומען צום קאזניצער מגיד, האט זיך דער קאזניצער מגיד אנגערופן צום שר שלום: "**יונגערמאן מ'ווארט מיר שוין אויף דיר**".

דארטן אינעם שטוב פונעם קאזניצער מגיד איז געליגן א חולה מסוכן, וואס האט געווארט אויף א ישועה, האט דער קאזניצער מגיד אנגעכאפט די הענט פונעם שר שלום, און אריבערגעפירט די הענט אויפ'ן מויל פונעם חולה, און אויפ'ן רגע האט זיך אלעס אויסגעהיילט, דער חולה איז געווארן כאחד האדם.

דעמאלטס האט דער שר שלום באקומען פונעם קאזניצער מגיד די כח נפלא, אז ווי דער שר שלום האט ארויפגעלייגט זיין הענט אויף א חולה, איז די חולה גלייך אויסגעהיילט געווארן.

### בעל אוהב ישראל מאפטא זי"ע

דער הייליגער אפטא רב האט גאר שטארק מכבד געווען דעם שר שלום, עד כדי כך אז דער אפטא רב האט געהאט א שטענדיגן מנהג צו בענטשן על הכוס ביי סעודה שלישית. אבער אין די שבתים וואס דער שר שלום איז זיך געקומען מסתופף זיין בצילו, האט דער אפטא רב משנה געווען פון זיין מנהג, און מכבד געווען דעם שר שלום מיט ברכת המזון על הכוס, און אזוי אים ארויסגעוויזן זיין ספעציעלע קירבה וחיבה יתירה צו אים.

איינמאל האט דער אפטא רב'ס זון הרה"ק רבי יצחק מאיר זי"ע געפרעגט זיין הייליגן פאטער, פארוואס ער ווייזט ארויס א זעלטענע חיבה יתירה צום שר שלום, האט דער אפטא רב געענטפערט, "זאלסט וויסן מיין זון, איך פלעג דרש'נען דרושים עמוקים בתורה, און עס פלעגן דארט זיצן גרויסע מופלגים בתורה און קיין איינער האט נישט פארשטאנען מיינע חידושים, נאר דער שר שלום, נאר ער האט פארשטאנען מיינע עמקות'דיגע רייד טראץ זיין יונגע עלטער".

### השרף מסטרעליסק זי"ע

דער שר שלום האט זיך געווייקט בצל הקודש פונעם שרף פון סטרעליסק במשך פון 12 יאר צייט, די ערשטע מאל וואס דער שר שלום איז

געקומען צו פארן קיין סטרעליסק, האט ער זיך צום ערשט מתבונן געווען אין די גרויסע עבודה פונעם סטרעליסקער צדיק, און ווען מען האט אנגעהויבן צו דאווענען האט דער שר שלום אנגעהויבן טראכטן צו ער מעג זיך שטעלן דאווענען מאחורי רבו, אבער תיכף נאכדעם האט ער געטראכט אז ער האט נאכנישט קובע געווען דעם סטרעליסקער צדיק פאר זיין רבי, צוליב דעם איז אים מותר צו דאווענען מאחוריו.

נאכ'ן דאווענען איז די סטרעליסקער צדיק צוגעגאנגען צום שר שלום, און אים געפרעגט, ווער עס האט אים געשיקט צו אפמאכן צו ער איז רבי צו נישט, ולהוי ידוע, אז אוודאי בין איך דיין רבי און עס איז אסור צו דאווענען אחרי רבו.

אזוי איז דער שר שלום צוגעצויגן געווארן צו אים, און כסדר געפארן צו אים.

## רבנות בעיר בעלזא:

אינעם יאר תקע"ז איז דער שר שלום אויפגענומען געווארן אינעם שטאט בעלזא צו פירן די רבנות אינעם שטאט, תיכף ווען דער שר שלום איז אויפגענומען איז דער שטאט פארוואנדלט געווארן אלס תל תלפיות, ווי אלפים מישראל זענען געקומען צו פארן זיך מסתופף צו זיין בצילו הזך, צווישן זיי גדולי וצדיקי הדור.

## אהבת ישראל:

איינע פון די גאר גרויסע מדריגות וואס דער שר שלום האט פארמאגט איז געווען זיין געוואלדיגע הויעכע בחינה פון אהבת ישראל וואס ער האט פארמאגט צו יעדע איינציגסטע איד.

זיין אייניקל הרה"ק רבי אהרן זי"ע וואס האט ווייטער געצויגן די שלשלת בית בעלזא בדרכיו של זקינו הק', פלעגט שטענדיג זאגן, אז אינעם עולם העליון איז דער שר שלום ווייטער ממשיך מיט'ן משפיע זיין פאר אלע אידן, און ער האט געדרש'נט דעם חז"ל (ברכות ס"ד א') צדיקים אין להם מנוחה לא בעולם הזה ולא לעולם הבא, פארוואס? ווייל בעולם הבא איז דער צדיק ווייטער פארנומען מיט'ן משפיע זיין פאר אלע תלמידים.

## פועל ישועות בקרב הארץ:

דער שר שלום איז געווען באוויסט ארום די גאנצע וועלט פאר א גאר גרויסע פועל ישועות, און אידן פון ארום די גארער וועלט פלעגן קומען שטראמען בעצה ותושי' קיין בעלזא, צו אנפרעגן חוות דעת קדשו פונעם שר שלום, את המעשה אשר יעשון, און צו געבענטשט ווערן מברכת קדשו מידיו הקדושות.

רביה"ק זי"ע דערציילט די עובדא ווי דער הייליגער רבי ר' אייזיק'ל מקאמארנא זי"ע איז געפארן מיט זיין זון הרה"ק רבי אליעזר צבי מקאמארנא זי"ע נעמען ברכת קדשו פון שר שלום צו זיין ווייעדיגע הענט. ווען דער שר שלום האט אנגעכאפט די האנט פון רבי אליעזר'ל, האט דער טאטע רבי אייזיק'ל געשמעקט טאביק, וועלנדיג נאכגיין די מדריגות הקדושות פון שר שלום בענייני רפואה, און דער שר שלום האט דאס מרגיש געווען און האט באלד אויפגעהערט, און רבי אליעזר'ל האט טאקע געהאט א רפואה. ומי יעמוד בסוד קדושים.

## גילוי אליהו הנביא:

עס איז באוויסט אז דער שר שלום האט געלערנט טויזענט נעכט רציפות לימוד התורה בעמקות מיט א מורא'דיגע חשקות און התלהבות, נישט פארזעענדיג קיין איין מינוט, נאר אלעס אויסגענוצט למען כבוד שמו יתברך, און די לעצטע נאכט האט ער זוכה געווען צום גרויסן מדריגה, און אליהו הנביא זכור לטוב האט זיך אנטפלעקט צו אים, און געלערנט מיט'ן שר שלום בחברותא, הלכות בית הכנסת.

## הבית הכנסת בבעלזא:

אין יענע מינוט ווען דער שר שלום האט געלערנט מיט אליהו הנביא הלכות בית הכנסת, האט דער שר שלום מחליט געווען צו בויען א



# לוח היארצייטן

### יארצייטן פון רבותינו הק' ואנשי שלומינו וואס געפאלט אין די קומענדיגע וואך

### זכר צדיקים לברכה

| | | |
|---|---|---|
| כ"ה אלול | הרה"ק רבי יחיאל מיכל בן רבי יצחק זי"ע - מ'זלאטשוב | תקמ"א |
| כ"ז אלול | הרה"ק רבי שלום בן רבי אלעזר זי"ע - השר שלום מ'בעלזא | תרט"ו |

### זכר חסידים לברכה

| | | | |
|---|---|---|---|
| כ"ד אלול | הבחור החשוב דוד ע"ה בן ר' שמואל הי"ו לינדער<br>תלמיד ישיבה"ק - לא הניח אחריו זש"ק | תש"נ | ביה"ח סט. סעפי |
| כ"ה אלול | הרב החסיד ר' ירמי' בן ר' מאיר ע"ה פעקעטע | תשמ"ח | ביה"ח דקריתינו הקדושה |
| כ"ה אלול | הרב החסיד ר' שמואל אליעזר בן ר' שלמה ע"ה ראזענצווייג | תשנ"ט | ביה"ח בקרית יואל |
| כ"ז אלול | הרב החסיד ר' חיים יוסף ע"ה בן ר' פנחס ע"ה פינקוס | תשפ"ב | ביה"ח וויזניץ מאנסי |
| כ"ט אלול | האשה החשובה מרת דינה גאלדא בת ר' חיים מנחם הכהן ע"ה אקער<br>אשת הרה"ג ר' יעקב שליט"א | תשפ"א | ביה"ח בקרית יואל |
| כ"ט אלול | הרב החסיד ר' יעקב מאיר בן ר' יצחק דוב ע"ה ניימאן | תשס"ה | ביה"ח דקריתינו הקדושה |

בית מקדש מעט, א הערליכן פראכטפולן בית הכנסת, ווי אידן זאלן דאווענען און זיך אויסבעטן צו השי"ת, און הארעווען על התורה והעבודה.

גאר אסאך צדיקים האבן מפליא געווען די גרויסע קדושה וואס די בית הכנסת האט פארמאגט, צווישן זיי ווערט דערציילט אז איינמאל האט באזוכט אינעם בית הכנסת הרה"ק רבי משה מלעלוב זי"ע האט ער זיך אויסגעדריקט אז פון ווען מען קומט אריין אין ביהמ"ד פילט מען ווי מ'טרעט אויף שמות הקדושים.

## רוח הקודש:

איבער די גרויסע אפענע רוח הקודש וואס דער שר שלום האט פארמאגט ווערט דערציילט די פאלגנדע וואונדערליכע ערציילונג.

איינמאל איז א דארפס איד געקומען מיט זיין זון איידערן חתונה צו נעמען ברכת קדשו פונעם שר שלום, נאכ'ן ווארעם אנוואונטשן און זיך געזעגענען רופט זיך דער שר שלום אן צום חתן: "ווען א איד איז אין א צרה דארף מען שטארק מתפלל זיין, און אויב חלילה איז מען אין א גאר גרויסע סכנה דארף מען זאגן ווידוי, און שרייען שמע ישראל מיט'ן גאנצן כח עטליכע מאל". מיט פארוואונדערטע מחשבות האבן זיי זיך צוריק אריינגעזעצט אין וואגן אויפ'ן וועג אפרייזנדיג אויפ'ן וועג אהיים, זיך גוט איינ'חזר'נדיג דעם רבינ'ס מאדנע ווערטער.

אנקומענדיג אינעם געדעכטן וואלד האבן זיי אנגעהויבן בלאנדזשענען טיפער און טיפער פאר עטליכע שעה, פראסטיג קאלט איז געווען, און א שניי צו דער זייט האט צוגעגעבן צו די פארמישטע פארבלאנדזשעטע אידן אויפ'ן וואגן, פלוצלינג האט זיך די פערד אפגעשטעלט נישט האבנדיג מער קיין כח צו גיין ווייטער.

דאן האט זיך דער חתן דערמאנט די ווערטער וואס דער שר שלום האט געזאגט איידערן זיך אפגעזעגענען, אז דער שר שלום האט שוין געזען מיט זיין הייליגע אויגן וואס עס וועט פאסירן מיט אים אינמיטן וועג.

דער חתן רופט זיך אן צו זיין טאטע, דער רבי האט אונז געזאגט אז אין אזעלכע מאמענטן דארף מען שרייען קר"ש און זאגן ווידוי, ווייל מען איז יעצט אין א גרויסע סכנת מות טאמער קיינער קומט אונז נישט ראטעווען.ביידע האבן זיך גענומען שרייען מיט קולי קולות קר"ש און ווידוי, בעטנדיג השי"ת אז מען זאל זיך מרחם זיין אויף זיי, פלוצלינג זעהן זיי פאר זיך א גוי מיט א וואגן, מיט שטריק, און שלעפט זיי ארויס און הייסט זיי ארויפגיין אויף זיין וואגן, און בארואיגט זיי אז ער איז זיי געקומען ראטעווען בשליחות פונעם צדיק פון בעלזא, צו זייער פרייד זענען זיי ארויף אויפ'ן וואגן, און געקומען צו די כוחות.

אינמיטן די וועג האט דער גוי פארציילט, אז יארן צוריק האב איך געארבעט ביי עפעס א פריץ אין א דארף, און דארט האט מיר באטראפן א גאר גרויסע צרה, און עטליכע האבן מיר גע'עצה'ט צו פארן קיין בעלזא צו ענקער ראביי, אנקומענדיג דארטן האט מיר טאקע די ראביי געהאלפן, און צוגעלייגט אז פון היינט און ווייטער, ווען איך זעה א איד אין א צרה זאל איך אים העלפן, ובזכות זה האט מיר די ראביי אנגעוואונטשן עשירות מיט גרויס הצלחה, ביז אפאר טאג איז אלעס טאקע מקוים געווארן וואס דער ראביי האט מיר אנגעוואונטשן, איך האב גאר שטארק מצליח געווען, און געווארן א גרויסע עושר.

די נאכט בין איך געשלאפן אין בעט, און פלוצלינג זעה איך אין מיין חלום די ראביי און ער זאגט צו מיר, "שטיי אויף, אין וואלד זענען דא 2 אידן וואסווארטן אויף דיין הילף, דו האסט מיר צוגעזאגט צו העלפן אלע אידן מיט מסירות נפש", איך בין תיכף אויפגעשטאנען און דורכאויס די גאנצע וועג האט מיר די ראביי באגלייט ביז איך בין אנגעקומען צו ענק אייך צו ראטעווען...

יענעם אינדערפרי זענען די אידן צוריקגעפארן קיין בעלזא, אפצוגעבן א יישר כח פאר'ן שר שלום, און געזען די גרויסקייט פונעם שר שלום, זיין גרויס אהבת ישראל און זיין גרויסע רוח הקודש.

## הסתלקותו:

אינעם טאג פון כ"ז אלול תרט"ו (ווי עס ווערט געשריבן אויף זיין מציבה בשנת ש'ים ש'לום ט'ובה ו'ברכה) האט דער הייליגער שר שלום אויסגעהויכט זיין לויטערע נשמה לקל יתברך שמו, ווי גאנץ כלל ישראל האט באוויינט די גרויסע פטירה, און גאר אסאך גדולי ומאורי הדור האבן מספיד געווען דעם גרויסן צדיק וואס איז אומשאצבאר גרויס געווען אין אלע ענינים.

**מנוסח מצבתו:**

פ"נ ארון הקודש, ראש ישראל, אריה דבי עילאה, כבוד אדונינו מורינו ורבינו, הרב הגאון הקדוש, צדיק יסוד עולם, לפניו נגלו כל תעלומה בנגלה ובנסתר, גודר גדר ועומד פרץ, יחיד בדורו המפורסם בכל קצוי ארץ, שלשלת היוחסין, רב שלום זצוקלל"ה בהרב הגדול מו"ה אלעזר זצוקלל"ה, ת.נ.צ.ב.ה.

**זכותו הגדול והקדוש יגן עלינו ועל כל בני ישראל אמן.**









# פתיחת כלים בשבת

בו יתברר האיך לפתוח בשבת כל מין כלי כדרכו ואופנו
נכתב ע"י הרה"ג ר' נתן ירמי' גאלדשטיין שליט"א בעל מח"ס מגדנות נתן

**עצה ב:** מען קען בעטן א גוי עס צו עפענען.

**עצה ג:** מען קען בעטן איינעם וואס פירט זיך מיקל צו זיין, אז ער זאל עס עפענען.

## פרק י
## עפענען פלעסטיק כלים

### סעיף א

**עפענען די זילבער פאפיר פון א קליינע שאכטל קאנטעקט לענסעס.**


[בילד 1] עפענען די זילבער פאפיר פון א שאכטל קאנטאקט לענסעס

מען מעג עס עפענען געהעריג דורך אנכאפן די זילבער פאפיר אויף דעם ספעציעלן פלאץ, און עס אראפרייסן פון די האלטער[1], אבער מען זאל נישט אריינרייסן אין די זילבער פאפיר וויבאלד עס האט אותיות אויף זיך.

### סעיף ב

**עפענען די פלעסטיק דעקל פון א פלעשל מילך.**



[בילד 2]

עפענען די פלעסטיק דעקל פון א פלעשל מילך האט די זעלבע דין ווי עפענען א פלעסטיק דעקל פון א פלעשל סאדע, וואס איז שוין ערקלערט געווארן אין פרק ז' סעיף ב', אז עס איז א מחלוקת הפוסקים, און די וואס פירן זיך יא צו עפענען, האבן אויף וועם זיך צו פארלאזן.

ווער עס וויל מחמיר זיין קען טון איינע פון די דריי עצות וואס עס איז דארט דערמאנט:

**עצה א:** מען זאל מאכן א לאך אין די דעקל, און נאכן עפענען זאל מען אוועקווארפן די דעקל.

1 עס איז נישט דא דער איסור פון קורע, וויבאלד דער האלטער איז הארט, און נאר ביי ווייכע זאכן איז דא דער איסור פון קורע (זעה פרק ד' סעיף ה').

### סעיף ג

**א גרויסע פלאש וואסער** [Spring Water] **אדער ארענדזש דזשוס וכדומה, וואס מען רייסט אראפ א שטיקל פלעסטיק פון די אונטערשטע חלק דעקל, און אזוי קען מען עפענען די דעקל.**


[בילד 3]

מען טאר נישט אראפרייסן די פלעסטיק פון ארום די דעקל אזוי ווי מען טוט אינדערוואכן.

**עצה א:** מען זאל אראפשלעפן דעם דעקל מיט כח גאנצערהייט, מיט די אונטערשטע פלעסטיק איינאיינעם (מען קען עס טון דורך אונטערשטופן א מעסער אונטער די דעקל, און אזוי אראפשטופן די דעקל גאנצערהייט), **נאכדעם קען מען נעמען אן אנדערע דעקל צו צודעקן די פלאש** (אדער קען מען עס צודעקן מיט א פלעסטיק קאפ א.ד.ג.).

(עס איז דא פלעשער וואס זענען זייער שטארק פארמאכט, און מען קען עס נישט אראפשטופן גאנצערהייט, אין אזא פאל דארף מען טון עצה ב'.)

**עצה ב:** מען זאל מאכן א לאך אין די דעקל פארן עפענען, נאכדעם קען מען עס עפענען אויף די געהעריגע וועג, און מען זאל אוועקווארפן די דעקל נאכן עפענען (מען קען צודעקן די פלעשל מיט אן אנדערע דעקל, אדער מיט א פלעסטיק קאפ א.ד.ג.).

המשך בשבוע הבא אי"ה

# מאור התורה

ציצים ופרחים על עניני הפרשה

**כי המצוה הזאת אשר אנכי מצוך היום וכו' לא בשמים הוא וכו' כי קרוב אליך הדבר מאד.**

חכמינו ז"ל לערנען ארויס פון די פסוק, אז לא פסקינן הלכה בשמים, און אז אין משגיחין בבת קול, נאר מען נעמט אן די פסק וואס בי"ד פסק'נט דא אונטן.

דער הייליגער בני יששכר ברענגט א ראיה צו דעם פון די גמרא אין מסכת חגיגה (דף טו:), עס שטייט דארט אז רבה בר שילא האט געטראפן אליהו הנביא, און אים געפרעגט, וואס טוט יעצט דער אייבערשטער, האט אים אליהו הנביא געענטפערט, אז דער רבוש"ע זאגט יעצט נאך הלכות און מימרות פון אלע תנאים און אמוראים חוץ פון די תנא רבי מאיר ווייל ער האט געלערנט תורה פון אחר, האט רבה בר שילא געזאגט פאר אליהו הנביא אז רבי מאיר האט געוויסט וויאזוי אויסצוקליבן די גוטע חלקים פון אחר און זיך נישט אפלערנען פון די שלעכטע חלקים, אויב אזוי פארוואס זאגט נישט דער אייבערשטער נאך מימרות פון אים, האט אים אליהו הנביא געזאגט אז יעצט זאגט דער אייבערשטער נאך א מימרא פון רבי מאיר.

איז לכאורה שווער, ווי אזוי קען זיין אז דער רבוש"ע האט ח"ו נישט געוואוסט רבי מאיר'ס מדרגות ביז רבה בר שילא איז אים עס געקומען זאגן.

איז די גמ' מסביר, אז מען האט גע'פסק'נט אז מען מעג נאר מקבל זיין תורה פון אן ערליכע מענטש, און ווילאנג מען האט נישט גע'פסק'נט בבי"ד של מטה אז רבי מאיר איז אנדערש און ער האט יא געמעגט, האט דער אייבערשטער נישט געוואלט נאכזאגן מימרות פון אים אפילו וויסענדיג די טעם, ביז רבה בר שילא האט גע'פסק'נט אז רבי מאיר רמון מצא תוכו אכל קליפתו זרק, דעמאלס האט מען שוין מתיר געווען רבי מאיר'ס תורה בבי"ד של מטה, האט שוין די אייבערשטער געקענט נאכזאגן דברי תורה פון רבי מאיר.

*

דער הייליגער רבי אייזיק'ל קאמארנע'ר זי"ע ברענגט אין זיין הייליג ספר נתיב מצותיך נתיב התורה, א שיינע טייטש אין די פסוק, בשם דער הייליגער תולדות יעקב יוסף אויף די פסוק כי המצוה הזאת, אז די גאנצע תורה הקדושה מיט אלע מצות, וואס דאס איז כולל תשובה, תפילה, יחודים, המתקות הדינים, ולכרות הקליפות, ולייחד האורות, ולהמשיך המוחין, דאס אלעס "לא נפלאת היא ממך", דאס איז נישט אזוי ווייט פון דיר מקיים צו זיין און צו טון, "לא בשמים הוא" דאס איז נישט קיין כוונות צו ממשיך זיין שפע פון הימל, "ולא מעבר לים הוא" דו דארפסט אויך נישט גיין מעלה זיין נשמות און ניצוצין פון די עמקי הקליפות [הנקרא מצילות ים], נאר וואס דער דאס איז "בפיך ובלבבך" אלעס וואס דו דארפסט מתקן זיין איז אין דיר, אלע דיינע מדות רעות ותאות רעות של נפשך, און דאס דארף מען מכניע זיין, און ווען מען וועט זיך איינגאנצן מזכך זיין, דעמאלס וועט שוין ווערן נמשך פון אויבן אלע השפעות, און אלעס וועט ווערן מתוקן מיט די גרעסטע יחודים.

*

רביה"ק זי"ע טייטשט אין עבודת עבודה, ווען איז "כי קרוב אליך הדבר מאוד", נאר אויב עס איז "בפיך ובלבבך לעשותו", ווען מען לייגט צו די הארץ און מען לערנט אויך בפנימיות, משא"כ אויב מען לערנט אן די חלק הפנימיות, דעמאלטס איז די תורה הקדושה זייער ווייט.

אין אן אנדערע פלאץ טייטשט דער הייליגע רבי "כי קרוב אליך הדבר מאוד" אויב מען איז מתפלל דערויף "בפיך ובלבבך" און מען בעט דעם באשעפער מיט'ן גאנצן הארץ, דעמאלטס שיינט ער אריין אין די תורה הקדושה.

המשך מע' יג

לשלולית של מי רגלים לקנח היטב, או להרטיב שולי המנעלים במים, אף שמי רגלים אסור רק מדרבנן, כל דתיקון רבנן כעין דאורייתא תיקן. ובספר פאר יצחק (פרק יד אות ב) כתב, דרכו של רבינו [מהרי"א מזידיטשוב] היה כשיצא לעשות צרכיו, ללבוש מלבוש אחר ולנעול מנעלים אחר לרגליו. וכן נהגו הצדיקים הק' מקאלשיץ זי"ע (דברי חנה). רבי יהודה לייב אייגר זי"ע מלובלין (מלאכי עליון אות כ). האור מלא זי"ע (הליכות קודש קאסאן). מהר"א מבעלזא זי"ע (בקודש פנימה ח"א עמ' רכו), וכן הוריד את האבנט שהיה חגור בו.

**ג)** כתב בספר חסידים (אות תשעה), כי מעיל אשר היה למלך שאול, היה המלבוש העליון שהיה שאול המלך מתכסה בו בשעת תפלה לכבוד השם יתברך, ועל כן הסירו שאול מעליו לעשות צרכיו.

ועל כן נזהרין אנשי מעשה כשצריכין ליכנס לבית הכסא בשעת זמן כניסתם לבית הכנסת, היו מניחין את בגדיהם מבחוץ, ואינם נכנסים עם בגדיהם לבית הכסא, באשר שבית הכנסת הוא בנין מקדש מעט, וצריכין ליכנס בו בבגדים נאים וכו', ועל כן ראוי ונכון להיות מנעלים מיוחדים לבית הכנסת, טוב שיותר לא ילך בהם לבית הכסא ולבית הכנסת ע"כ.

ובשו"ע הרב (סי' עו ס"ד) כתב, מקצת חסידים הראשונים וכו' היו מחמירים על עצמן שלא יהיה על בגדיהם אפילו טיפי מימי רגלים וכו'.

ובכף החיים (סי' כא ס"ק יד) כתב וז"ל, וכן ההולכים מביהכ"נ ביוה"כ לפנות, והם מלובשים קיטל צריך שיפשטו הקיט"ל כיון שבגד זה מיוחד להתפלל בו וכו', ולטעם זה יש ליזהר גם כן במלבוש העליון הנקרא גלימא שלא ליכנס בו לביה"כ, כיון שרגילות הוא ללובשו בעת התפלה, ע"כ.

ובספר עבודת הלוים מנהגי רבינו הסב"ק זי"ע (עמ' צ)איתא, ביציאתו לעשות צרכיו החליף את מלבושו העליון, והיה לו מלבוש מיוחד לצורך כך.

ובהליכות קודש (קאסאן, אות ז) הביא שהאור מלא זי"ע ביציאתו לביהכ"ס לעשות צרכיו הגדולים החליף מלבושו העליון, והיה לו מלבוש מיוחד לבית הכסא, וגם הכובע והמצנפת יארמולקע החליף, ולא הלך עם כובע העליון לביהכ"ס וכו'.




בס"ד

**בית כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א**
9 רחוב בית הלוי
קרית טאהש, קאנאדא

*Secretarial of Grand Rabbi of Tosh*
*9 Ave. Beth Halevy, Kiryas Tosh, Boisbriand QC J7E 4H4*

בבית Tel. (450) 435-0209 בבנין הישיבה In Yeshiva (450) 430-6420 פאקס Fax (450) 433-9379

# • זמני כניסה •

## אל הקודש פנימה אצל כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

לקראת ימי הרחמים והרצון

יהיה בעז"ה

## ביום א' סליחות

**משעה 5:00 אחצ"ה עד 8:00 בערב**

## ביום ג' סליחות

**משעה 4:00 אחצ"ה עד 8:00 בערב**

## וביום ג' האזינו

**משעה 3:00 אחצ"ה עד 6:00 בערב**

## בחדר פרטי למטה בבנין ביהמ"ד הגדול

### נא לשום לב:

**זמני קבלת קהל:** כדי הציבור החשוב לא יצטרכו להמתין זמן רב ליכנס אל הקודש פנימה, סדרנו שכל אחד ירשום את שמו ברשימה תיכף כשמגיעים, כדי שנוכל לידע בערך את זמן הכניסה.

**נכון לדעת:** זמנים אלו מיוחדים אך ורק לקבל ברכת השנה ולא לענינים שונים, לכן מי שיש לו איזה ענין מיוחד, נא לפנות אל המשב"ק לסדר זמן אחר.

**לתועלת הציבור:** הוכנו ספרי קודש, סידורים ותהלים, כדי שיוכלו לנצל הזמן בתורה ותפלה.

**להחיות בהם:** כמו כן מוכן מזונות ומשקאות להחיות בהם נפש כל חי בעת הזמני כניסה.

פועלט'ס אלעס גוטס
בברכת פתקא טבא ושמחת יו"ט
**העומדים על משמרת הקודש**






## בגד העליון ברחוב

כג. היה נזהר כשיוצא מביתו להיות לבוש תמיד בבגד העליון לא), וכן דרש מתלמידיו להיזהר בזה. ולכך בכל פעם שהיה יוצא מביתו היה לובש את בגד הרעזשוואלקע גם בימות הקיץ, וגם כשהלך למקום הסמוך לביתו לב).

## מטה בידו

כד. כשהלך מחוץ לקריה (יח) או כשהלך לסדר קידושין נטל מקל בידו לג).

## חינוך הקטנים לבגדים ארוכים

כה. הורה לחנך גם את הילדים הקטנים שהגיעו לבן חמש למקרא, שלא ילבשו כלל בגדים קצרים בימות הקיץ (כדרך התינוקות), כדי שתמיד יהיו ידיהם נקיות, שילמדו ויתפללו בקדושה וטהרה לד).

### מעיינות הלוי

**לא)** כתב במנהגי חת"ס (פרק ד אות ט), מעולם לא ראהו אדם זולת השמש שלו בלא מעיל העליון, משום לא ישנה אדם מרבנות שלו. ושם (בפרק ה אות יד בהגהות אות יא) הביא בשם ספר משנת חכמים, שבפעם הראשונה שזימר רבי ישראל נאג'רה ע"ה מגורי האריז"ל את הפיוט 'קה רבון עלם' התקבצו השכינה והפמליא של מעלה, וכיון שראהו יושב בלא עיטוף בגד העליון נתרחקו ממנו וכו', עיי"ש, ומזה נלמד גודל חשיבות עשיית מצוה או תפלה ולימוד כשהוא מעוטף בבגד עליון.

**לב)** בספר אמרי פנחס (שער תורת האדם אות קעז) כתב, ישראל יש להם יותר מקיפין מהאומות, ולכן כשהולכים לבית הכנסת צריך לילך בסודר עליון ואומות בהיפך וכו', וכל המנהגים שלהם בהיפך, הכתיבה שלהם משמאל לימין וכו' והקרסים שבבגדים שלהם גם כן משמאל לימין, וכשחוגרין מתחילים מאחור כי הם מאחוריים וכו'

וכתב הבני יששכר (תשרי מאמר י אות ז בהגה) וז"ל, ועפי"ז תבין מה שאמר הרה"ק מה"ר פנחס זצוק"ל אשר יכול האדם להתבונן המבחן מה בין ישראל לגוי ממנהגיהם, דמנהג ישראל שהבגד העליון הוא להם בגד כבוד ולבוש יקר, וכשהולך איש נכבד לבית הכנסת, או אפילו אל בית אדם חשוב, הולך דוקא מלובש בבגד העליון, כי זהו כבודו, ואצל הגוים הוא בהיפוך, אפילו כשהוא מלובש באיזה בגד עליון מחמת הקור וכיוצא, בהליכתו לבית שרים נכבדים מפשיט מעליו את הבגד העליון, כי הוא להם לחרפה.

ואמר הרה"ק הנ"ל כי זהו הטעם, דישראל יש להם אור מקיף, וזהו כבודם ותפארתם, משא"כ הגוים אין להם מקיף, הבן, ע"כ. ובספר תורת משה (רביעאי, לפסח) כתב דראה כל גדולי ישראל לצאת תמיד בכל ימי השנה גם בקיץ בבגד עליון הסובב הכל, כי גדולים צריכים שמירה יתירה כידוע.

**לג)** כן היה מנהג חסידים ואנשי מעשה מקדמת דנא, ובקרתא קדישא דבירושלים, ללכת ברחוב עם מקל כדי שלא לעבור בין נשים כמובא בגמ' (הוריות יג, ב) עשרה דברים קשים ללימוד, ואחד מהם העובר בין שתי נשים.

**לד)** כתב בשו"ע (סי' ד' סעיף יח), אלו דברים צריכים נטילה במים וכו' והנוגע בגופו בידו. ובסעיף כ"א כתב, בשוק וירך ובמקומות המכוסים באדם, לפי שיש שם מלמולי זיעה.

וביאר במחצית השקל (הובא במשנ"ב (ס"ק נג) דהגדרת מקומות המכוסים שבאדם תלוי לפי הזמן והמקום, שאם הדרך ללכת שם בזרועות ומרפקים מגולים, אין חיוב נטילה בנגיעה שם, וכמו שלא מחויב בנטילה בנוגע בזיעת פניו ומצחו, והוא הדין לגבי הנוגע בילדים ותינוקות במקומות שחלקי גופם אינו מכוסה, נמי אינו צריך נט"י מדינא.

אבל יש אחרונים שהחמירו על זה, ובפרט כשעומד להזכיר שם שמים, ראה בתשובות מנחת יצחק (ח"ד סי' קיד אות ב) שהרחיב בזה בדיעות

### עבודת הלוי

**(יח)** בערוב ימיו (בערך משנת תשס"א) לקח המקל עמו גם בכל מקום שהלך בתוך הקריה.

## כח מלבוש צדיק

כו. הפליג לדבר מגודל וסגולת ערך מעלת קדושת מלבוש לה) שלבשו צדיק [ו].

## הדרכות שונות בענין הלבוש

כז. עוד הדרכות והוראות בעניני לבוש ראה בעבודת הלוי (יט).

## נגד לבושי הגוים

הוראות והדרכות בענין להתרחק מלבושי הגוים, וצניעות הבית ראה להלן (סימן מד). (עניני ציצית ראה להלן סימן י).

סימן ד'

# הנהגות בית הכסא

## הסרת החגורה והכובע העליון

א. כשנכנס לבית הכסא, פשט קודם את כובעו העליון והסיר את החגורה א).

## החלפת מנעלים ובגד מיוחד

ב. כשהלך לבית הכסא החליף (א) את נעליו ב), וכן החליף את הבגד העליון לבגד מיוחד לבית הכסא ג).

### מעיינות הלוי

המחמירים, ומביא מהחזו"א באגרותיו (סי' ד) שכתב וז"ל, למעלה מפרק הזרוע של יד בכלל מקום מכוסה, אף שרבו מגולי יד בטלה דעתם.

ובספר פסקי תשובות (שם בהערה 228) הביא בשמו שלא היה ניחא ליה שהילדים הולכים במכנסים קצרים שדרכם ליגע ברגליהם בשעת לימודם. וע"ע בכף החיים (סי' ד ס"ק צט).

וכדאי להביא מה שסיפר הרב המפורסם רבי ארי' שעכטער זצ"ל, שבהיותו ילד כבר חמש שנים, נכנס עם אביו להגאון בעל החזון איש זי"ע, והחזון איש עורר לאביו שאינם יכולים לזכות לכתרה של תורה, אם הולכים מלובשים בבית יד קצרים ומכנסיים קצרים, דכמעט בלתי אפשר שלא יגע הילד בידיו במקומות המכוסים, והידים נטמאים וצריכים לרחוץ הידים כמבואר בשו"ע (סי' ד' סכ"א, סי' צב ס"ז), וכשהידים הם מסואבות, אז המוח הוא אטום מליכנס דברי תורה לתוכו, ולכן פנה החזו"א לילד ואמר תלך בבתי יד ארוכים ומכנסיים ארוכים, כדי שהידים ישארו נקיים, ועי"ז תוכל ללמוד ולהתפלל בקדושה וטהרה, ע"כ.

ובספר כתר הצניעות (פט"ו אות יב) הביא משמו שסיבת התמעטות גדולי ישראל בדורינו, הוא משום שהקטנים אינם נזהרים מללמוד בידים נקיות.

**לה)** כתב בחתם סופר (עה"ת פ' תולדות, עה"פ הלא אצלת לי ברכה) וז"ל, נלענ"ד דמשמע בירושלמי (מו"ק פ"ג ה"א) דבמלבושיו של אדם נאצלים מקדושתו של הלובש, וה"ה בהיפוך, והלובש אותם אחריו יאצל עליו מאותו הרוח לטוב ולמוטב, בסוד אשר ילבשם תחתיו, ע"כ.

**סימן ד'**

**א)** כן כתב הט"ז (סי' כא סק"ג) לענין קיטל, משום בגדים שבישל בהם קדירה לרבו אל ימזוג בהן את הכוס.

**ב)** בספר יסוד יוסף (בסופו בהנהגות טובות אות ג) כתב, להיות לי מנעלים מיוחדים ללכת בהם לבית הכסא, כדי שלא אזכיר באלו המנעלים שיש חשש דבוק טינוף, שום דבר של תורה.

ובשלחן הטהור (סי' צא ס"ב) כתב, ויראה שיהיה לו מנעלים מיוחדים לתפילה.

ובהקדמת אור עינים (כלל י) כתב, וכן צריך ליזהר בר ישראל הקדוש במלבושים שלו שיהיו כולם טהור, ובפרט בעת התפלה שלא ימצא בהם שום סיג אשר איננו טהור ח"ו, וכן אפילו מנעלים שלו שיהיו כולם טהור, ובפרט בעת התפלה שלא ימצא בהם שום סיג אשר איננו טהור ח"ו, וכן אפילו מנעלים שלו יהיו נקיים בעת התפלה.

וכתב באשל אברהם בוטשאטש (סי' עו סעיף ב) וז"ל, להזהיר בנכנס במנעליו

המשך בע' י

### עבודת הלוי

**(יט)** בשנים הראשונות היה רגיל לבקש שילבשו שטריימל ובעקיטשע בשב"ק [שלא היה נפוץ אז כל כך], ואח"כ התחיל גם לבקש שילכו עם 'ווייסע זאקן' וכדו' בשב"ק.

מכמה מתלמידיו ביקש שילבשו כובע הנהוג בבית אבותיו הק' (ביבער הוט) וכן בכל דבר ביקש שכל אחד לפי דרגתו, יתעלה קצת לדרגה גבוהה יותר.

כשהשמיע דברות קודש בפני הילדים הגדולים בתלמוד תורה, הביע את רצונו הטהור שילכו בבגד עליון הנקרא חאלאט.

בכמה הזדמנויות ביקש מתלמידי הישיבה לא ללבוש שעון (זייגע"ר) על הידים [מטעם שלא היה מקובל ללכת כן אצל חסידים מקדמת דנא, וכן בכל דבר הבא מן החדש, הכלל לקיים מקרא שכתבו בשיר השירים (א ח) 'צאי לך בעקבי הצאן' וגו', להתהדר ללכת רק כפי שהלכו אבותינו בדורות שלפנינו, ולא לזוז בזיז כל דהוא מהם].

פעם התבטא לתלמיד אחד בזה הלשון: 'מיין קינד, אז דו ווילסט זיין א איד, גיי נישט מיט דעם'. והיה אומר שהנמנע ללכת כן מביאו ליראת שמים.

כשהבחין בבחורים שלבושים בזה צוה לחלצם.

גם לרמ"י הישיבה שבאו ממקומות שונים הגם שלא התערב בלבושם וכו', אבל בפרט זה ביקשם להחליף עם 'זייגער כיס' [-שעון כיס] כדי שהבחורים לא ילמדו מהם.

**סימן ד'**

**(א)** כשהלך לבית הכסא חשש שהרצפה אינה נקיה, ולכן החליף את מנעליו למנעלים המיוחדים לבית הכסא.

לפעמים קודם התפילה, כשחשש שנתלכלכו מנעליו, שפך קצת מים על הרצפה ונכנס עם הנעליים לתוך המים, לרחצם מן הטינוף.

### בארות הלוי

**[ו]** היה לו לזקיני הק' ספר תורה של הבעש"ט הק', ספר הזה היה מונח תמיד בבית מדרשו והיה רוקד בו בשמחת תורה בהתלהבות יתירה, והיה חביב בעיניו למאוד, כי אור קדושת הבעש"ט הק' שרתה בו, כי בחפץ שהשתמש בו צדיק שורה כח קדושה של אותו צדיק וכו'. עוד ראיתי בשם צדיקים כי היה לו להמגיד הק' חתיכת בגד אשר ירש מהבעש"ט הק', וחתיכה זו היתה יקרה מאוד בעיניו, ושמרה בשמירה יתירה, ולפני פטירתו צוה שיטמינו בגד זה אתו בארון (שיח"ק ח"ג, עמ' שג).

# במקהלות

נייעס, באריכטן און אנטוויקלונגען, אינערהאלב
**קהילותינו ומוסדותינו הקדושים**
צווישן מקהלת אנשי שלומינו ברחבי תבל

בחצר הקודש:

## הונדערטער אנשי שלומינו חסידים ואנשי מעשה גרייטן זיך צו ווײלן די קומענדיגע ימים נוראים און זמן שמחתינו בצלא דמהימנותא פון כ"ק מרן רבינו שליט"א

שטייענדיג בעפאר די ימי הרחמים והרצון, זעהט זיך אן א רגש קודש ביי פילע חסידים וועלכע גרייטן זיך מסתופף זיין אין די הייליגע טעג בצל הקודש. די דערהויבענע דאווענען און די ליכטיגע טישן זענען א שם דבר ביי אנשי שלומינו, וואס קוקן ארויס א גאנץ יאר לחזות בנועם ה' און מיטצולעבן די הייליגע תפילות, און די ליכטיגע מאמענטן בצל הקודש.

די עסקנים זענען איצט אין פולן שוואונג צוצוגרייטן אלע פרטים בכל דקדוקיה על צד היותר טוב, און אויסרישן הכל על מכונו מיט פרישע חידושים און באקוועמליכקייטן פאר'ן ציבור.

אין צוגאב ערשיינט אין די יעצטיגע טעג א הערליכער און מסודר'דיגער לוח הזמנים, פאר אלע תפילות און סדרי הזמנים בצל הקודש אויף דעם גאנצן חודש תשרי, אנגעהויבן פון א' סליחות ביז נאך שמחת תורה.

לטובת הציבור האט מען איינגערישט די 2 ווארט צומערן ביי די אויפנאמע צומערן בבית רבינו בבנין ביהמ"ד הגדול, מיט נייע ספרי קודש סידורים ותהלים, אז בעת די צייטן וואס מען ווארט ארייצוגיין לברך ולהתברך לקראת די הייליגע טעג זאל מען קענען אויסנוצן די צייט.

פאר סיי וואס עס אנבאלאנגט די דערהויבענע טעג, און פאר דעטאלן איבער אש"ל מלא, און אלעס ארום קען מען רופן קול איחוד טאהש און הערן אלע אינפארמאציע ביי 15 פון די מעין מעניו.

ברוב עם הדרת מלך!

איחוד חסידי טאהש:

## געלונגענער סורוועי מיט הונדערטער באטייליגטע לפאר ולרומם המערכת

הנהלת האיחוד, וואס לא ינום ולא ישן צו פארשענערן די פראיעקטן און פעולות, האט במשך די וואכן פאר די יארצייט פון רביה"ק זי"ע - פארגאנגענעם ז"ך אב - זיך ארויסגעלאזט אויף די רייזע, מיטן ציהל צו הערן די דעת הקהל וויאזוי צו פארשטארקערן די פעולות אויף א טעגליכן פארנעם, ווי עס איז פארגעקומען א געלונגענע סורוועי, וועלכע האט אריינגענומען אין זיך דעם וועכנטליכן גליון "באור החיים", און די סדר המסגרת "חברה ש"ס".

אין אן אויסטערלישן סוקסעס איז אריינגעקומען א פיל העכערע צאל אנטיילנעמער ווי ערווארטעט, וואס האט נאכאמאל געשטעלט דעם טאן איבער די פאפולעריטעט פון די פעולות האיחוד.

ווי די עסקני האיחוד געבן איבער, נעמען זיי זייער ערנסט אלע מיינונגען, און פילע טוישונגען זענען ערווארטעט צו פארשענערן און פארברייטערן דעם גליון "באור החיים" בעזהשי"ת קומענדיגן יו"ט ראש השנה, לכבוד די אפצייכענונג פון "25 יאר" פון ווען די רייכע גליון האט אנגעהויבן צו ערשיינען.

אין אן מורא'דיגע חיזוק פאר די עסקנים איז אריינגעקומען געוואלדיגע פידבעק פון הונדערטער וועכנטליכע ליינער, וועלכע האבן אויסגעדריקט זייער שעצונג צו די רייכע גליון וואס איז אינם חוזרות ריקם, און ווי ווייט עס גיבט זיי א עונג שבת מידי שבת בשבתו, און געניסן פון די הערליכע און רייכע מאמרים, און צו אלע פעולות האיחוד אויף אלע פראנטן, וואס האט געגעבן אויסטערלישע אנדרעלין פאר די עסקנים ווייטער אנצוגיין.

אלס מאטיוואציע האט "איחוד" פראקלאמירט א גורל אויף "כל ספרי רבינו הקדוש זי"ע", וואו אלע באטייליגטע האבן געהאט א שאנס צו געווינען, און דעם דינסטאג נצו"י איז ארויסגעצויגן געווארן דער זוכה בגורל, ה"ה הרב ישעי' מאיר קרויס שליט"א מחשובי אנ"ש תושבי מאנסי.

הנהלת האיחוד באדאנקט זיך פערזענליך פאר אלע וואס האבן גענומען די מיה און אויסגעפילט די סורוועי, וואס דאס גיט אונז די געלעגנהייט צו גיין ווייטער מכח אל הפועל, ועוד ידינו נטוי' צו בארייכערן די פעולות ביתר שאת וביתר עוז.

וחפץ ה' בידינו יצליח.

ישיבה קטנה
תפארת משולם פייש ד׳טאהש - נ.י.:

# הצלחה׳דיגע פארהער אויף הלכות מוקצה און הלכות בסיס והמסתעף

דעם פארגאנגענעם דאנערשטאג פר׳ כי תבא העעל"ט איז פארגעקומען א גאר מוצלח׳דיגע פארהער אויף גאנץ סימן ש"ח הלכות מוקצה און הלכות בסיס והמסתעף דורכן חשובן דומ"ץ הרה"ג רבי יחזקאל שרגא מערץ שליט"א.

דער דיין איז גאר שטארק נתפעל געווען פון די פליסיגע תשובות בהירות ושמחים כנתינתן מסיני וואס די בחורים האבן געענטפערט. די בחורים האבן געלערנט טור, בית יוסף, דרכי משה, מחבר ורמ"א, מג"א טו"ז מחצה"ש, שו"ע הרב ומשנ"ב, און ס׳איז שטארק ניכר געווען די געוואלדיגע הארעוואניע פון די תלמידים דורכאויס דעם זמן, דאס איבערצו׳חזר׳ן און קענען מיט א קלארקייט.

דערנאך האט דער ר"מ שיעור ב׳ הרה"ג רבי חיים צבי מייזעלס שליט"א געפראוועט א שיינע מסיבת לחיים לכבוד די שמחה׳דיגע מאורע.

כל השונה הלכות בכל יום

*

# תלמידי ישיבתינו הק׳ פראווען דעם "שבת התרוממות" אין די קעטסקילס בשבת אחים גם יחד, נאכן "שבוע שכולו התעלות", און שמחת "סיום מסכת גיטין"

די לופט אין קעמפ איז איין שטיק התמדת התורה, ס׳זעהט זיך אן א געוואלדיגע התעלות אינעם "שבוע שכולו התעלות", ווען די בחורים זענען ארויסגעפארן בע"ה קיין מאנטיסעלאו אויף א פולע וואך אנגעפולט מיט חיזוק והתעלות.

אנגעהויבן פון די פריע פארטאגס שעה׳ן זעט מען ווי בחורים זיצן און לערנען, און חזר׳ן איבער מסכת גיטין ישר והפך. מ׳האלט שוין אצינד ביים ענדיגן די גאנצע מסכת.

זייענדיג אפגעזונדערט אין קעמפ, איז מער געאייגענט אויסצונוצן די גאנצע צייט לתורה, ביי שיעור עיון חזר׳ט מען איבער פרק השולח, און ביי שיעור פשוט המביא קמא און המביא בתרא. דערנאך וועלן פארקומען בע"ה די בחינות דערויף.

דעם יעצטיגן ליל שישי וועט געפראוועט ווערן בע"ה דער גרויסער מעמד כבוד התורה "סיום מסכת גיטין" ברוב פאר והדר, מיט די השתתפות פון די חשובע הורי התלמידים, וועלכע וועלן קומען שעפן נחת און זעהן מיט די אייגענע אויגן די געוואלדיגע התעלות התלמידים.

דעם היינטיגן שבת וועט געפראוועט ווערן על ההרים, מיט א געוואלדיגע התרוממות דורך די חשובע תלמידי הישיבה, מיט די באטייליגונג פון די חשובע מגידי שיעור ומרביצי תורה והמנהל שליט"א.

ההרים והגבעות יפצחו לפניכם רנה

קרית טאהש:

# תושבי קריתינו האבן באגלייט למנוחת עולמים האה"ח מרת רבקה ב"ר יעקב אליעזר ע"ה, אשת הרה"ח ר׳ הערש לייב וויינבערגער ז"ל מהיושבים ראשונה

מיט טרויער איז אויפגענומען געווארן דעם פארלאפענעם דינסטאג כי תבוא די בשורה איבער די פטירה פון מרת רבקה וויינבערגער ע"ה.

די נפטרת איז געווען א אשה חשובה מאוד, באוואוסט מיט איר יראת שמים און מדת הצניעות. איר מסירות נפש צו אידישקייט איז געווען א שם דבר נאך פון יונגווארג אן.

ווי איינער פון די מספידים האט פארציילט ביי די לויה: נאכן קריג איז זי צוריקגעקומען צו איר היימשטאט ׳ראהאד׳ אלס א זעכצן יעריגע מיידל אליין, נאכן פארלירן איר גאנצע משפחה על קידוש השם, שבור ורצוץ. אנטרעפענדיג דעם שטעטל בחורבנה מיט בלויז געציילטע שוואכע אידן, האט זי זיך דערזען מיט׳ן מציאות אז אין ראהאד וועט זי נישט קענען בלייבן קיין פרומע איד. מורא האבנדיג פאר איר אידישקייט, און נישט וועלנדיג נשפע ווערן פונעם מצב הרוח אין וואס פילע אידן זענען ל"ע דערוויטערט געווארן, האט זי געטאן א שריט פון מסירות נפש.

זי האט בכוונה אריינגעשטופט א פַארזשאַווערטן טשוואק אין איר פיס, כדי מען זאל איר מוזן פירן אין שפיטאל וואס האט זיך געפונען אין א דערנעבנדיגע שטאט. דארטן אין שפיטאל האט זי טאקע אנגעטראפן א קרוב, מיט וועמען זי איז שפעטער אינאיינעם ארויסגעקומען קיין אמעריקע און אזוי געראטעוועט אירע דורות.

איר אמונת צדיקים איז געווען מורא׳דיג, ובפרט צום הייליגן רבי׳ן זי"ע, ולאחריו בכ"ק רבינו שליט"א איז זי געווען אדוק ומקושר מיט א שטארקע אמונת צדיקים. זי אליין פלעגט פארציילן, אז אין א געלעגנהייט האט זי געטראפן דעם רבי׳ן אין נידערהאז, נאך איידער זי האט בכלל געוואוסט ווער דער איד איז. זעענדיג צורת קדשו פונעם רבי׳ן איז זי מורא׳דיג נתפעל געווארן, און זיך אנגערופן מיט התרגשות: "דו זעעסט דעם איד? ער גייט זיין אונזער טאטע!"

זי פלעגט כסדר אויפפאדערן אירע קינדער און אייניקלעך צו לערנען פלייסיג, און זיי געשטופט זיך מחזק צו זיין אין תורה און מעשים טובים.

זי האט זוכה געווען צו א טיפער עלטער און איז אוועק אין דעם הויכן עלטער פון ניין און ניינציג יאר, איבערלאזנדיג א שיינעם דור יראים ושלימים לשם ולתפארת.

די לוי׳ איז פארגעקומען פארנט פון איר הויז מיט פולע באטייליגטע וועלכע האבן אפגעגעבן די כבוד האחרון פאר די נפטרת, און איז דערנאך געקומען לקבורה, ומנוחתה כבוד בבית החיים בקריתינו הק׳.

ת.נ.צ.ב.ה.

בעזהשי"ת
**קהל אור החיים ד'טאהש**
קרית טאהש
תע"א
נתייסדה ע"י רבינו הקוה"ט זיעועכ"י · בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
2 Beth Halevy Ave. Kiryas Tosh Boisbriand QC J7E 4H4 Tel. (450) 430-6380

לשמוע אל הרנה ואל התפלה

# זמן אמירת סליחות

ברוב עם הדרת מלך
**בצל כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א**

## א' סליחות

**בשעה 5:00 בבית המדרש הגדול**

**ברכות 20 מינוט אחר סליחות**

אחר התפלה יתקיים קבלת קהל לאורחים החשובים בחדר הפרטי למטה בבנין הישיבה,
וגם יהא מוכן שם צידה לדרך להאורחים
עלי' לציון הק' ואמירת כל ספר תהלים אחר קבלת קהל

## ביום ב' ג' ד' ה' סליחות

**בשעה 5:45 בהיכל ישיבה גדולה**
**ברכות 6:30 - הודו 6:45**

## ערב ראש השנה

**בשעה 4:30 בבית המדרש הגדול**
ברכות 20 מינוט אחר סליחות

## בימי עשרת ימי תשובה

**בשעה 5:30 בהיכל ישיבה גדולה**
**ברכות 6:30 - הודו 6:45**
צום גדלי': סליחות בשעה 6:15 - ברכות 7:15 - הודו 7:30

בברכת פועל'ט אלעס גוטס, וכתיבה וחתימה טובה בספשצ"ג
**הנהלת הקהלה**


בעזהשי"ת
**קהל אור החיים ד'טאהש**
קרית טאהש
תע"א
נתייסדה ע"י רבינו הקוה"ט זיעועכ"י · בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
2 Beth Halevy Ave. Kiryas Tosh Boisbriand QC J7E 4H4 Tel. (450) 430-6380


# סדרי וזמני ראש השנה

**זמני היום**

**ערב ראש השנה:** עלות 5:17 | סוזק"ש 9:04 | חצות 12:52 | שקיעה 7:14
**זמן הדלקת הנרות ערב שבת ויו"ט 6:59**
**יום א' דראש השנה:** עלות 5:18 | סוזק"ש 9:05 | נאכט 8:25
**יום ב' דראש השנה:** עלות 5:20 | סוזק"ש 9:05 | מוציו"ט 8:23

## ערב ראש השנה

**סליחות ערב ראש השנה................................ בשעה 4:30 באשמורת**
קבלת קהל לאורחים החשובים ערב יו"ט משעה 8:30 עד 9:30 בבוקר
**תפלת מנחה ערב יו"ט................................ בשעה 7:35**

## יום א' דראש השנה

יתקיים מנין אמירת תהלים לפני התפלה בשעה 5:45 בביהמ"ד הגדול
**שחרית................................ בשעה 7:45 ברכות**
הפסקה אחר קריאת התורה ל20 מינוט
מחלקין הסעודה ומתפללין מנחה
מנחה כשעה ורבע אחר תפלת מוסף בביהמ"ד הגדול
ואח"כ של"ש בהיכל הטישן #9
אחר של"ש יתקיים מנין אמירת תהלים בביהמ"ד הגדול
**מעריב בזמנה................................ בשעה 8:25**

## יום ב' דראש השנה

יתקיים מנין אמירת תהלים לפני התפלה בשעה 5:45 בביהמ"ד הגדול
**שחרית................................ בשעה 7:45 ברכות**
**דרשת תקיעת שופר בהיכל ביהמ"ד הגדול................ בערך 1:15**
הפסקה אחר קריאת התורה ל45 מינוט
**תקיעת שופר לנשים:**
בשעה 12:45 באולם בית צירל
וחצי שעה אחר התפלה בהיכל בביהמ"ד אברכים
אחר שלה"ט יתקיים מנין אמירת תהלים בביהמ"ד הגדול
**מנחה................................ בשעה 7:35**

**עריכת השלחנות בהיכל הטישן #9**
**תיכף אחר התפלה ביחד עם האורחים**

בברכת כתיבה וחתימה טובה בספשצ"ג
**הנהלת הקהלה**



# בצל הקודש

מהנעשה והנשמע בביתו נאוה קודש
של כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א

תבוא - תשפ"ו לפ"ק

## מאנטאג פר' כי תבוא

אינדערפרי נאך תפילת שחרית האט זיך דער רבי ארויסגעלאזט אויפן וועג קיין ניו יארק לטובת מוסדותינו הק'.

אנקומענדיג אין ניו יארק איז פארגעקומען די תפלין לייגן בבית האכסניא אין וומס"ב, פאר הב' הבר מצוה בן מוה"ר יואל ברנצ"ח סג"ל קרויס הי"ו פון קרית יואל. דער רבי האט געגעבן ווארימע דברי הדרכה, און נאכן תפילין לייגן אנגעוואונטשן ברכת קדשו פארן בר מצוה בחור און די עלטערן, און געגעבן במתנה די ספרי הקודש עבודת עבודה.

במשכ'ן טאג האט דער רבי אויפגענומען קבלת קהל לברך ולהתברך.

דער רבי האט געדאווענט מנחה ומעריב בבית האכסניא.

## דינסטאג פר' כי תבוא

אינדערפרי האט דער רבי געדאווענט תפלת שחרית בבית מדרשינו תפארת משולם אין וויליאמסבורג. צום עמוד איז צוגעגאנגען הרה"ח ר' משה שמעון פעלבערבוים הי"ו.

במשכ'ן טאג האט דער רבי אויפגענומען קבלת קהל לברך ולהתברך.

נאכמיטאג האט זיך דער רבי ארויסגעלאזט מיטן פליגער אויפן וועג אהיים.

דער רבי האט זיך אפגעשטעלט אין טאראנטא, צו די חתונה פון בת הרה"ח ר' ישעי' אשר ארגעל הי"ו, וואו דער רבי איז מכובד געווארן מיט סידור קידושין. נאכן חופה האט דער רבי געטאנצן ריקודי קודש מצוה טאנץ לפני הכלה.

דערנאך ממשיך געווען מיטן וועג אהיים למעון קדשו אין קריתינו הק'.

## מיטוואך פר' כי תבוא

ביינאכט נאך מעריב איז פארגעקומען בביתו נאוה קודש די תנאים פון החתן שלום אלי' סג"ל יונגרייז ני"ו תלמיד ישיבה גדולה, בן מוה"ר אשר אנשיל הי"ו, עב"ג הכלה בת העסקן הדגול מוה"ר אלימלך ראזענצווייג הי"ו.

דער רבי האט געליינט תנאים, דערנאך געטרינקן און געוואונטשן לחיים, געטיילט שיריים פון די לקח, און אנגעוואונטשן ברכת קדשו פארן חתן און מחותנים ובני משפחה.

## דאנערשטאג פר' כי תבוא

אינדערפרי איז פארגעקומען ביי רבינו שליט"א די תפלין לייגן פאר הבחור הבר מצוה בן הרה"ג ר' יעקב פאגעל שליט"א, דער רבי האט געגעבן ווארימע דברי הדרכה, און נאכן תפלין לייגן אנגעוואונטשן ברכת קדשו פארן בר מצוה בחור און די עלטערן, און געגעבן במתנה די ספרי הקודש עבודת עבודה.

פארנאכטס איז דער רבי אנגעקומען צום קבלת פנים ביי די חתונה פון בת מוה"ר יואל וויינבערגער הי"ו אין די זאלן פון בית צירל. דער רבי האט מסדר געווען די כתובה, געוואונטשן לחיים, אנגעוואונטשן ברכת קדשו פארן חתן מחותנים און זיידע'ס ובני משפחה, מכבד געווען די מחותנים אנצוטון די קיטל, אנגעטון די גארטל, געלייגט די אש אויפן חתן, געגאנגען באדעקן די כלה, און מסדר קידושין געווען אונטערן חופה.

ביינאכט האט דער רבי מנחם אבל געווען ביי משפחת וויינבערגער, היושבים על פטירת האשה החשובה מרת רבקה ע"ה אלמנת הרה"ח ר' הערש לייב וויינבערגער ע"ה, און געציינדן א ליכט לע"נ.

שפעטער איז דער רבי צוריק אין זאל טאנצן ריקודי קודש מצוה טאנץ לפני הכלה, דערנאך מיטן חתן און מחותנים און זיידע'ס.

## עשב"ק פר' כי תבוא

נאכמיטאג האט דער רבי מנחם אבל געווען דורכן טעל. הרב אהרן האלבערשטאם שליט"א וועלכער איז געזיצן שבעה על פטירת אחיו האדמו"ר מצאנז ב"פ זצ"ל

## שב"ק פר' כי תבוא

פארן זמן הדלה"נ איז דער רבי ערשינען אין ביהמ"ד הגדול, געציינדן די ליכט ביים עמוד, די ליכט לע"נ רביה"ק זי"ע, און די נרות שבת, דערנאך געזאגט שיר השירים אינאיינעם מיט תלמידי ישיבה גדולה, און געוואונטשן א גוט שבת.

צו תפילת מנחה איז צוגעגאנגען כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א, דער רבי איז צוגעגאנגען צו קבלת שבת. נאכן דאווענען

איז דער ציבור אריבער דעם רבי'ן וואונטשן 'א גוט שבת'.

ביים שלחן הטהור בהיכל ביהמ"ד הגדול זענען מכובד געווארן מיט הגבהת הכוס צו קידוש החתן אברהם זיידא ב"ר יואל הערש פויגעל נ"י תלמיד ישיבה גדולה.

מיט די זמירות זענען מכובד געווארן: כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א, אדמו"ר מ'זוטשקא קאראקאס שליט"א, הרה"צ רבי יששכר דוב משה סג"ל טירנויער שליט"א נכד רביה"ק זי"ע, הרה"ג ר' נחמי' צבי חיים סג"ל קרויס שליט"א, הרה"ח ר' אביגדור ראזענפעלד הי"ו פון ירושלים, מוה"ר יואל אלחנן פאפלאנאש הי"ו משב"ק.

דער רבי האט פארגעלערנט בספה"ק נועם אלימלך, און דערנאך ממשיך געווען מיט דברות קודש.

ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען מוה"ר משה אשר ראזענבערג הי"ו, שיר המעלות הב' יהוסף ב"ר נחמי' צבי שווארץ נ"י.

נאכן בענטשן האט דער רבי געטאנצן מיט החתן אפרים גדלי' ב"ר מתתי' בינער נ"י פון מאנסי. שבח נותנים לו העסקן מוה"ר אלעזר ראטשטענשטיין הי"ו פון בארא פארק.

נאכן טיש האבן די בחורים אהיימבאגלייט דעם רבי'ן און נאכגעזאגט דברי תורה אויפן וועג אנקומענדיג אהיים האט דער רבי געוואונטשן 'א גוט שבת'.

שבת אינדערפרי האט דער רבי פארגעזאגט ספר תהלים ביים עמוד כנהוג. צו פסוקי דזמרה איז צוגעגאנגען הרה"ג ר' משה מאירוביץ שליט"א, שחרית האט געדאווענט הרה"ח ר' יעקב יוסף כהנא הי"ו משב"ק.

די עליות האבן עולה געווען: כהן כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א, לוי מו"ה זיידא ישראל חיים סג"ל קרויס הי"ו, שלישי הרה"ח ר' יעקב יוסף כהנא הי"ו משב"ק, רביעי מוה"ר ישעי' שלום קאלמאן הי"ו דער רבי האט געגעבן די נאמען לבתו הנולד לו למזל טוב, חמישי מוה"ר יואל אלחנן פאפלאנאש הי"ו משב"ק, ששי הרה"ח ר' ישראל הערש פעלבערבוים הי"ו פון מאנסי, שביעי מוה"ר משה יוסף זאבעל הי"ו פון לינדען, אחרון מוה"ר משה אשר ראזענבערג הי"ו. פאר מפטיר האט דער רבי געמאכט די מי שברך לחולי ישראל, דערנאך עולה געווען מפטיר. הגבה מוה"ר יוסף גראס הי"ו. גלילה מו"ה חיים אפרים צוויבל הי"ו.

דער רבי איז צוגעגאנגען צו תפילת מוסף. פתיחה צו אנעים זמירות הרה"ח ר' מרדכי יוסף מאיר זילבער הי"ו פון מאנסי.

ביים שלחן הטהור אינאיינעם מיט די תלמידי ישיבה גדולה ואורחים החשובים זענען מכובד געווארן מיט הגבהת הכוס צו קידוש הב' ישי ב"ר ישראל מאיר עקשטיין נ"י תלמיד ישיבה גדולה.

אז ביום השביעי הרה"ח ר' יוסף חיים כהן הי"ו פון מאנטשעסטער. ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען הרה"צ רבי נחמן כהנא (בן אדמו"ר מ'ספינקא) שליט"א, נכד רביה"ק זי"ע, שיר המעלות הב' אלעזר ליפא גלילי נ"י.

נאכן טיש האבן די בחורים אהיימבאגלייט דעם רבי'ן און געזאגט דברי תורה אויפן וועג, אנקומענדיג אהיים האט דער רבי געוואונטשן 'א גוט שבת'.

שבת נאכמיטאג האט פארגעלערנט פרקי אבות בהיכל ביהמ"ד הגדול הרה"ג ר' נחמי' צבי חיים סג"ל קרויס שליט"א.

צו תפילת מנחה איז צוגעגאנגען הרה"ח ר' יעקב יוסף כהנא הי"ו משב"ק, די עליות האבן עולה געווען כהן הרב יצחק אייזיק כ"ץ שליט"א נכד רביה"ק זי"ע, לוי הרה"צ רבי אברהם יודא סג"ל שליט"א, שלישי הרה"צ רבי מרדכי יודא פיש שליט"א נכד רביה"ק זי"ע, הגבה כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א, גלילה מו"ה אהרן עקשטיין הי"ו פון מאנסי.

קידוש ביי סעודה שלישית האט דער רבי מכבד געווען הרה"ח ר' יעקב יוסף כהנא הי"ו משב"ק. דער רבי האט מכבד געווען כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א מיט דברי תורה.

מיט די זמירות זענען מכובד געווארן: הרה"ח ר' ישראל הערש פעלבערבוים הי"ו, הרה"ג ר' יששכר דוב מאירוביץ שליט"א, העסקן מוה"ר אלימלך ראזענצווייג הי"ו, מוה"ר אשר אנשיל סג"ל יונגרייז הי"ו.

דער רבי האט געבענטשט ברהמ"ז על הכוס, הגבהת הכוס מו"ה חיים יעקב מאירוביץ הי"ו פון מאנסי, שיר המעלות הב' שלום בה"ר יואל בער לאבין נ"י תלמיד ישיבה גדולה.

דער רבי איז צוגעגאנגען צו תפילת מעריב. דערנאך געמאכט הבדלה, הגבהת הכוס צו הבדלה מו"ה יצחק נפתלי צבי קאהן הי"ו פון מאנסי, די הבדלה האט געהאלטן הב' אשר ענזיל ב"ר שמואל נתן סג"ל קרויס נ"י תלמיד ישיבה גדולה.

נאך הבדלה האט דער רבי דערציילט שיחות קודש. דערנאך אויפגענומען קבלת קהל לברך ולהתברך בחדר הפרטי בבנין הישיבה.

## זונטאג פר' נצבים וילך

ביינאכט איז דער רבי ערשינען צו תפילת מעריב בבית מדרשינו אין מאנטריאל, צום עמוד איז צוגעגאנגען מו"ה יצחק אייזיק וועבערמאן הי"ו.

נאך מעריב האט דער רבי באשיינט דעם תנאים פון בת מוה"ר יהוסף מרדכי מערמעלשטיין הי"ו, דער רבי האט געליינט תנאים, דערנאך געטרינקן און געוואונטשן לחיים, געטיילט שיריים פון די לקח, און אנגעוואונטשן ברכת קדשו פארן חתן און מחותנים ובני משפחה.

שפעטער האט דער רבי זיך משתתף געווען ביים שמחת התנאים פון בת הרה"ג ר' יונה פישער שליט"א מו"ץ בקריתינו הק', וואו דער רבי האט מסדר געווען די תנאים, דערנאך מכבד

געווען הגה"צ אב"ד דזשיבוי שליט"א צו ליינען די תנאים.

דערנאך האט דער רבי געטרינקן און געוואונטשן לחיים, געטיילט שיריים פון די לקח, און אנגעוואונטשן ברכת קדשו פארן חתן און מחותנים ובני משפחה.

ביי קבלת קהל זענען אריין א קבוצה וועלכע האבן זיך משתתף געווען מיט סכומים הגונים לטובת תלמוד תורה בית יודא דקריתינו הק'. דער רבי האט מאציל געווען ברכת קדשו פאר יעדן באזונדער.












רייכע אפטיילונג
אויף קול איחוד טאהש

# לכבוד חודש תשרי

ביי 15 פון די מעין מעניו



**1 דרשות ושיעורים בהלכות ועניני החג**

1. הכנה לימים נוראים וחג הסוכות
2. הלכות ראש השנה ויום הקדוש
3. הלכות סוכה וד' מינים
4. דרשות בימי חול המועד בעניני דיומא

**2 חודש תשרי בצל רבינו הקדוש זי"ע**

1. ימי הסליחות ועשי"ת
2. ערב ומוצאי יום הקדוש
3. חוהמ"ס טישן
4. תפילות הושענה רבה

**3 חודש תשרי בצל כ"ק מרן רבינו שליט"א**

1. ימי הרחמים והסליחות
2. שלה"ט מוצאי יוה"ק
3. חוהמ"ס טישן
4. ריקודין שמחת בית השואבה
5. תפילות הושענה רבה
6. נעילת החג ובאגלייטן מוצאי שמח"ת

**4 דירות אפטיילונג לקראת חודש תשרי בצל הקודש**

1. מעסידשעס פון דירות אויף ר"ה
2. מעסידשעס פון דירות אויף סוכות
3. וועד האש"ל בבניני הישיבות

**5 סערוויסעס פאר די אורחים החשובים**

1. צו באשטעלן געקאכטע סעודות אויף יום טוב
2. צו דינגן בעטן / מאטראצן / טיש און בענקלעך לכבוד סוכות
3. צו דינגן סעלפאון'ס אין קרית טאהש
4. לאקאל קאר סערוויסעס

**6 נסיעה טובה**

מעסידשעס פון אידן וואס האבן פלאץ מיטצונעמען נאך אידן אויפן וועג קיין טאהש

**7 נוצבארע סערוויסעס**

און אינפארמאציע אויפן וועג

**8 נוסחאות וניגוני ימים נוראים**

**9 ניגוני סוכות ושמחת תורה**

718.451.TOSH
8674

514.500.TOSH
8674

און דרוקט 15 פון די מעין מעניו

קול איחוד טאהש
מקושר פון איבעראל
718.451.TOSH | 514.500.TOSH

מזון הנפש

בעזהשי"ת

## סדר הלימודים

במסגרת החבורות שע"י קהילתינו הק'

### = פרשת ששח"ב ר"ה =

| | ז' עמודים - מסכת מנחות: לימוד היום | ז' עמודים - מסכת מנחות: חזרת השבוע | ה' עמודים - מסכת סנהדרין: לימוד היום | ה' עמודים - מסכת סנהדרין: חזרת השבוע |
|---|---|---|---|---|
| שב"ק נצו"י | דף לד. | דף כז. | חזרה | חזרה |
| זונטאג | דף לד: | דף כז: | דף מה. | דף מא: |
| מאנטאג | דף לה. | דף כח. | דף מה: | דף מב. |
| דינסטאג | דף לה: | דף כח: | דף מו. | דף מב: |
| מיטוואך | דף לו. | דף כט. | דף מו: | דף מג. |
| דאנערשטאג | דף לו: | דף כט: | דף מז. | דף מג: |
| עש"ק ער"ה תשפ"ז | דף לז. | דף ל. | חזרה | חזרה |

בחינה הבאה ביום א' נח
חבורת ז' עמודים - לא. - מח.
חבורת ה' עמודים - מב: - נ:

הערליכע שיעורים לימוד וחזרה, שואל ומשיב, ווי אויך צו טרעפן א חברותא
רופט קול איחוד טאהש
514-500-8674 - 718-451-8674
ביי 1-4 פון די מעין מעניו

קול איחוד טאהש
מקושר פון איבעראל
718.451.TOSH | 514.500.TOSH

**פרנס**
השיעורי תורה על
'קול איחוד' לשבוע הבעל"ט

**לנדב נא לקרוא להמערכת**

זכות השיעורי תורה דרבים יעמוד לו ולזרעו להתברך בכל הברכות הכתובה בתורה עד עולם אמן

| | |
|---|---|
| 718.451.8674 | 514.500.8674 |
| 0.333.015.0715 | 079.704.0074 |

קולו בקודש מרביה"ק זי"ע | דברות ושיחות קודש מרבינו שליט"א | דרשות | שיעורים | חבורות
מעמדים | מאורעות | מודעות | שמחות | אינטערוויו'ס | מזון הנפש | עזר לתושבים
מעמבער אפטיילונג | ואטהר ואתקדש | קהילות ומוסדות | פרנסה ביחד | ועוד

די לעצטע געלעגנהייט אריינצושיקן בריוון,
מודעות, און מזל טוב'ס פארן גליון, איז:
**מיטוואך 12:00 מיטאג**


איחוד
תלמידי חסידי טאהש

יו"ל ע"י
**איחוד תלמידי וחסידי טאהש**
פילצאליגע פראיעקטן צו פאראייניגן און סערווירן אנשי שלומינו

P: 718.451.8674 EXT. 80 | F: 845.610.8674
11 Van Buren Dr. #205 Monroe N.Y. 10950